STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13599

HAYNT IZ EYBIK

Malka Heifetz Tussman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלכה חפץ טוזמאַן

*

היינט איז אייביק

מלכה חפץ טוזמאַן

הײַנט איז אײביק

לידער

פֿאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
תל-אביב תשל"ז — 1977

MALKA HEIFETZ TUSSMAN
HIENT IS EIBIK
POEMS

Publishing House Israel-Book, Tel Aviv, P.O.B. 1777

מלכה חפץ טוזמאַן

הײַנט איז אייביק

לידער

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אביב, איתּמר בן־אבי 4

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
אליעזר פּינעס פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור
און פון מרקוס און רעגינאַ גלאַטשטיין

Printed in Israel 1977 נדפס בישׂראל

©

כל הזכויות שמורות

דפוס „להב", רח' המסגר 60, טלפון 36564

הײַנט איז אײביק

*

מייַן האַר,
איך — דייַן קליינער גאָרטן
ברענג דיר דאָס גערעטעניש פון מייַנע בייטן —
מייַן פאַרמעג
צייַטיק צי ניט גאָר צייַטיק —
אַלץ איינס: דייַן גאָב.
נעם אָן, מייַן האַר, מיט גוטוויליקייט
נאָר ניט מיט פייַער.
ניט מיט פייַער.
ס'איז דאָך ניט אמת אַז דו האָסט ליב
דעם רויך פון פעטן קרבן...
סע איז ניט אמת.
און זע
ווי הכנעהדיק ס'האָבן מיך געמאַכט
די יאָרן
אַז פאַר יעדן טראָפּן חסד
זאָל איך דאַנקען.
דאַנקען.

באַהיט

באַהיט מיך
חלילה כ׳זאָל זאָגן
אָט איצטער
אין רײַפקייט פון יאָרן:
שפּאַן אויס די פערדלעך, מיקיטאַ,
איך וויל שוין אין ערגעץ
ניט פאָרן.

באַהיט מיך
חלילה
אַזעלעכס כ׳זאָל זאָגן.

רוף איך יאָ, רוף איך ניט

רוף איך דיך
שרײַ איך צו
דײַן פּילנאָמענדיקייט
בין איך אין וויסטן מידבר
דער וויענדיקער ווינט.

רוף איך ניט
ליגן מײַנע ליפּן ניט
אויף די אותיות פיר פּאָרכטיקע
בלאָנדזשע איך אויף וועגן
טונקעלע און קרומע
פון
אַ לאַבירינט.

די מאַסקע

איך האָב זיך פֿאַרשעמט.
אַזוי זיך פֿאַרשעמט:
איך און מיך און מײַן.
אַז נאָר איך פֿאַרנעם זיך מיט
„איך".
פֿאַראַן דאָך אַ דו,
אַן ער און אַ זי און אַ זיי,
די זיי פֿון דער וועלט —
פֿון דער גרויסענער וועלט.

דערצייל איך ניט מער שוין
דעם איך און דעם מיך.
פֿון איצטער און ווײַטער דערציילן וועל איך
דעם דו.
דעם דו און דעם ער און
דער זי און די זיי פֿון
דער גרויסענער וועלט.

מאָדנע:
ווײַזט אויס אַז
איך האָב זיך אַהינטער אַ מאַסקע פֿאַרשטעלט —
די מאַסקע פֿון דו און
פֿון ער און פֿון זי און פֿון זיי.
אַז ווי ס'זאָל ניט זײַן
סײַ ווי
איך בין אַלע
און אַלע
סײַ ווי זענען איך, זענען מיך,
זענען מײַן.

אויסדאַכט

מײַן קאָפּ
אין דער וואַרעם פון מײַנע דלאָניעס —
וואָס וויל זיך דערמאָנען ?

אַן אויסדאַכט
איז פון ערגעץ אַן אַרויסטראַכט.
ס'וויל מײַן קאָפּ זיך נאָר דערמאָנען
אַ פּאַראַנען.

ס'קען אַ קאָפּ ניט אויסטראַכטן
וואָס איז
אין ערגעץ
ניט פאַראַן.

קיינער
וואָלט צו גאָט זיך ניט דערטראַכט
ווען חלילה
גאָט
איז ניט פאַראַן.

צולהכעיס

דו זאָגסט:
„דו ביסט ייִד און ביסט דיכטער
און שרײַבסט ניט קיין לידער
פון חורבן.
ווי קען דאָס אַ ייִדישער דיכטער
ווען גרויס
אַזוי גרויס איז דער חורבן?"

פשוט:
אויף צולהכעיס די פאַרוויסטער.
אויף צולהכעיס וועל איך ניט וויינען בפרהסיא.
אויף צולהכעיס
אויף פּאַפּיר ניט אויפשרײַבן
מײַן טרויער.
(אַ בושה אויפצושרײַבן „טרויער" אויף פּאַפּיר)
אויף צולהכעיס
וועל איך אַרומגיין אין דער וועלט ווי
זי געווען וואָלט מײַנע.
אַוודאי מײַנע!
וועמעס דען?
וועט מען מיר שטערן,
פאַרצוימען מיר די וועגן
וועט זי נאָך אַלץ זײַן מײַנע.
וואָדען —
ניט מײַנע?

אויף צולהכעיס וועל איך ניט יאָמערן
ווען אַפילו
די ערד פון מײַן וועלט זאָל חלילה

מיר ווערן די גרייס
ווי מײַן זויל וואָס שטייט אויף איר
וועט זי נאָך אַלץ זײַן
מײַנע:
אוי
נאָך ווי מײַנע.

אויף צולהכעיס
וועל איך חתונה מאַכן קינדער
אַז זיי זאָלן אויך האָבן קינדער.

אויף צולהכעיס די רשעים וואָס פּלאָדיען זיך
אין מײַן וועלט
און מאַכן זי מיר
ענג.

טאַטע זיסער

און איך רוף אים
טאַטע זיסער
כאָטש איך געדענק ניט דעם טאַטן.

דאָך עפּעס געדענקט זיך:
אַ דאָרן,
אַ פֿײַער,
אַ דונער,
אַ באַרג
און עפּעס אַ קול.

ווען מיר דאַכט זיך
איך הער זײַן קול
באַלד שרײַ איך:
דאָ בין איך!
דאָ בין איך, טאַטע זיסער!

אַז אַ טאַטע פֿאַרלאָזט
איז ער אַלץ נאָך אַ טאַטע
און איך וועל ניט אויפֿהערן בענקען
און שרײַען
„דאָ בין איך"
ביז ער וועט דערהערן,
וועט זיך דערמאָנען
און רופֿן מײַן נאָמען
און ריידן צו מיר
דורך פֿײַער.

הײַנט איז אײביק

אָפּט איך שפּאַציר אין נאָענטן פּאַרקל:
אַלטע בײמער מגושמדיק צעוואָקסן,
קוסטן, בלומען אין צעבלי פּאַר אַלע פיר סעזאָנען,
אַ וואַסערל וואָס בולבולט קינדיש איבער שטײנדלעך,
אַ בריקל מיט ניט־געהובלטע פּאָרענטשן —
דאָס איז מײַן קלײנער פּאַרקל.

מילד איז מיר און לינד איז מיר
אין אָטעם־ניגון פונעם פּאַרק
און גוט איז אױפכאַפּן אַ ביסעלע רכילות
פון פלי־און־פלאַטערוואַרג.

אָנגעלענט אָן פלויטל,
זיך שפּיגלענדיק אין וואַסער־לויטער,
איך פרעג:
וועסטו, ריטשקעלע, דאָ בײַכלען, טײַכלען
אײביק?
בולבולט לאַכנדיק דאָס טײַכל:
„הײַנט איז אײביק.
אײביק איז אָט איצט".

שמײכל איך אַ פונקל גלײביק
און אַ זיפצעלע ניט גלײביק:
הײַנט איז אײביק.
אײביק איז אָט איצט.

אונטער אַ צעוואָקסן קוסטנצווײַגל —
אַ פױגל
שאַרט די ערד פון אונטער זיך,

ריִעט, שאַרט מיט אָנגעשפּאַנטע פּיסלעך
ביז
ס'איז אַ מולטערל אַ טיפּס געוואָרן
פּונקט די גרייס ווי
ס'איז דאָס גופל זײַנס —
אַ וויגל.

ער האָט פּאַמעלעכקע אַרײַנגעמאָסטעט זיך אַהין,
אויסגעשפּרייט דעם לינקן פליגל,
זײַטיק
דאָס קעפּעלע אויף דעם אַוועקגעלייגט.
צוגעדעקט האָט אים
אַ לײַכטער דורכזיכטיקער פּילם
רו...

אַ שטילקייט האָט זיך פרום אַרײַנגעשאַרט
צווישןביימער,
די בלעטער קוים־קוים זיך באַוועגט,
די גראָזן קוים־קוים זיך גענייגט
און איך
אַן אַרײַנגעשוויַגטע,
מיט פּאַמעלעכן טראָט
האָב געשפּאַנט אַהיים —

אַ פונקל גלייביק,
אַ זיפּצעלע ניט גלייביק:
הײַנט איז אייביק.
אייביק איז אָט איצט...

אַ נאַרישקייט

מיט שטיפערישן שמייכל אין די אויגן
פּיפּקענדיק זײַן ליולקע
ער האָט ציטירט
„אַ ווילדע נאַרישקייט"
וואָס ס'האָט געזאָגט אַן אַלטע פרוי:
„ווי קען איך וויסן וואָס איך טראַכט
איידער
כ'זע
וואָס איך זאָג?"

גיב איך אים אַ שמייכעלע אַ שטיפערישס צוריק,
דרייענדיק אַ לעקל האָר בײַם רעכטן אויער
כ'זאָג
„ס'איז געווי
אויך מיט מיר אַזוי:
כ'ווייס ניט וואָס סע וויל אַ שורה זאָגן
איידער
איך זע
וואָס זי זאָגט."

אויס און ווידערווערן

ס'טרעפט מיט מיר אַ „ווערן־אויס״:
פון וועלט אַרויס,
פון זיך אַרויס
אָן שרעק,
אָן פרייד,
אָן זיפץ, אָן טרער —
אויס.

פלוצלינג
ווי אַ נײַ־געבערן
קומט אַ „ווידערווערן״,
קומט מיט פרומער פרייד
און טרערן
ווי כ'וואָלט דעם שבת קודש
אין מיטן־וואָך
אין שטוב בײַ זיך דערזען.

און איך בענטש דעם ווידערווערן.
ס'איז אַלע מאָל מיר ערשטיק־נײַ
און שטרענג
און רחמימדיק
און טוט רחמימדיק מיר ווײ.

די און יענע

מאָדנע
ווי געוווינט מיר זענען זאָגן
„די און יענע"
ווי סע וואָלטן
נאָר געווען צוויי וועלטן.
ס'זענען דאָך פאַראַן
אַזוי פיל
צווישן־וועלטן.
איך אַליין האָב שוין באַוויזן
דורכצוּוועלטן
אַ וועלט מיט וועלטן:
אַזעלכענע
לאַנגיאָרעדיקע וועלטן!
אַזעלכענע
קורציאָרעדיקע וועלטן!
אָט די אַלע
צווישנדיקע וועלטן.

חלום

מויל פון פאַרחתמעטן ברונעם
בגוואַלד אויפגעריסן.
איך האָב דאָרט אין זילבערן לויטער
מײַן פּנים געפונען.
און איך האָב מײַן פּנים געטרונקען,
געטרונקען,
פאַרטרונקען
דעם דאָרשט צו מײַן פּנים
אין ברונעם
דערטרונקען.

מיט כבוד דערמאָנען

מלך ראַוויטש
האָט אַרויסגעלאָזן פון האַנט
דעם שליסל צו
„טלאָמאַצקע דרייַצן"
און זיך איבערגעגעבן
צו אַ חסד — — —
געוואַרט האָט
הונגעריקער פלאַקער
און געוואַרט האָט
געדולדיקער רידל
און לאָפּעטע.

רו דיר, מלך ראַוויטש.

אויגוסט 1976

אין טיף אַראָפּ

געפּאַלנקייט
האָט ליב זיך חברן
מיט געפּאַלנקייט.

איינער
האַלט דעם צווייטן אונטער.
צוזאַמען
זיי נידערן אַרונטער.
דאָרטן
אין טיף־טיפן אַראָפּ
בייַסן זיי די נעזער
איינס בייַם צווייטן אָפּ.

אַ בריוו צום יונגן דיכטער האָוואַרד ג.

איך האָב דײַן ליד
געשריבן ווי געוויינטלעך אין דײַן ענגליש לשון
נאָר געלייענט האָב איך סײַ ווי סײַ אויף ייִדיש
און ס'האָט ציטערדיק געעפנט זיך צו מיר.

גאָט, מײַן גאָט!
אין דרויסן דײַן רויטער פויגל זינגט די לופט און בלוט.
לופט און בלוט און בליטן זינגט
דײַן רויטער פויגל, האָוואַרד.

ווילדע ווינטן בושעווען אַרום מיר,
טרוקענע בלעטער כאָרכלען אונטער פיס,
באַפאַלן די קני,
כאַפּן זיך אַרויף אויף אַקסלען
און פּאַטשן אין פּנים.
אַזאַ טוונג!
מעסערדיקע מוזיק —
אַ נבואה אַזאַ...

וואָס ווילן די נביאים אונדזערע פון אונדז?
פון אונדז די געטער צוגענומען —
געטער מיטן האַנט צו דערלאַנגען,
קוקן זיי אין פּנים און
פון האַרצן זיך אַראָפּריידן
אָדער קניִען,
פּאַלן מיטן פּנים צו דער ערד
און אַפילו
אין אַנפלייץ פון צאָרן
זיי צעהאַקן

און שוין,
און באַלד
זיך נײַע געטער שניצן.
אַז סײַ ווי איז יעדער גאָט צי געטל
אַ מיני־מיניקער שפּאַקטיוו
צום אייביקן.

וואָס ווילן
די נביאים אונדזערע פון אונדז
אַז אין יעדן ווינטל־בלאָז
מיר זאָלן הערן זייער קול —
די שטראָפרייד זייערע?

וואָס שרעקן זיי אונדז מיטן „רויטן פויגל"
וואָס זינגט די לופט און בלוט
און בליטן?

שוין האַלבע נאַכט.
איך פאַרשליס אויף טאָפּל־שלאָס מײַן טיר
און שטילערהייט איך מורמל
„אַ גוטע נאַכט דיר, האָוואַרד."

יִידיש

האָסט אַ יִידיש מויל
רעד זשע יִידיש.

האָסט אַ יִידיש וואָרט אין מויל
כּפל צען מאָל
צען מאָל יִידיש.

קום און ברענג דײַן יִידיש מויל
און מיר'ן ביידע מויל צו מויל
לאַכן יִידיש...

אָננעמען אַ פולן מויל
מיט קוואַלנדיקן יִידיש.

ס'איז אַפילו שווײַגן גוט
אויף יִידיש.

און אפשר שוין
ניט שווײַגן מער?
טאַקע מער ניט שווײַגן?

דו הערסט?!
איך שרײַ
אין דײַן יִידישן אויער אַרײַן:
יִידיש זאָל זײַן!!!

אָט אַזוי אָ
נאָך אַנאַנד
רייד איך צו דער וואַנט.

אויגוסט 1976

געסדר און סדר

„— — — אַזוי ווערט די וועלט געסדרט
נאָר דאָס איז ניט
דער וועלטס סדר"
האָט געזאָגט אַ דיכטער חכם.

און איך רעד זיך איַין
(מיט ניט ווייניק שטאָלץ)
אַז כ'האָב ניט אין געסדר
קיין חלק.

ווו זשע זאָל איך זוכן
יענעם סדר?
האָב איך דאָרט אַ חלק?

און דער געסדר ברענגט מיר
ריח פון פריש געבעקס.
מיט פולע הויפנס קומט געסדר
אַנטקעגן מיַין הונגער,
און איך האָב ניט קיין חלק
אין דעם?

ווי זינדיק איך בין וואָס
איך וויל ניט קיין חלק
אין דעם
וואָס סדרט!

צום רײַזעמאַן

באַקלאָגסט זיך:
די רײַזעס דײַנע ווערן שווערער.
שווערער ווערט דאָס גרייטן זיך,
שווערער ווערט דאָס פּאַקן,
שווערער ווערט אַפילו
רעזערוואַציעס צו מאַכן
פֿאַר די באַנען
עראָפּלאַנען
און דאָס וואַרטן
און דאָס זיצן —
שעהען לאַנגע זיצן.
אַלץ, זאָגסטו, ווערט שווערער
און רײַזן מוזסטו
איז וואָס זשע?
וואַרט אַ ווײַלע.
רו זיך אָפּ.

פֿאַראַן אַ רײַזע
שוין אַ צוגעגרייטע
גרינג.
מע דאַרף גאָר ניט גרייטן,
גאָרניט ניט פּלאַנירן,
גאָר ניט פּאַקן,
גאָר ניט רעזערווירן.
אַלץ איז שוין פֿאַרגרייט
פּינקטלעך, זיכער
קליפּ און קלאָפּ
ביזן לעצטן סטאָפּ.

נאָר אײַלן זיך אַהין
באַדאַרף מען ניט.
אַנטלויפן
וועט עס ניט...

אוצר

דערציילן, דערציילן —
אַז וויפל דו זאָלסט ניט דערציילן
וועט עפּעס נאָך בלײַבן
וואָס דאָך ניט דערציילט.

וויפל דײַן ווונד זאָלסט ניט היילן
וועט אַלץ נאָך פאַרבלײַבן
אַ שראַם
ניט פאַרהיילט.

אַז דו זאָלסט אין גאַנצן
פאַראָרעמט ניט ווערן
היט אָפּ אָט דעם אוצר:
דאָס ניט דערציילטע,
דאָס ניט פאַרהיילטע —
היט ווי די אויגן אין שטערן.

אַז ליידיק —
אַ גלאָק אָן אַ צונג — זאָלסט ניט בלײַבן
זאָלסטו דאָס אַפילו
מיט טינט אויף פּאַפּיר ניט פאַרשרײַבן.

פאַרגעסן

האַר פון דער וועלט!
בורא־עולם,
איך שטיי פאַר דיר
מיט אָפּגעדעקטן קאָפּ,
מיט אויגן ניט פאַרשטעלט —
עקשנותדיק
ברייט צעעפנט אַנטקעגן דײַן ליכט.
סע ציטערט ניט
אַן איינציק הערעלע פון מײַן ברעם
פאַר דײַן גרויסקייט.
מײַנע בענטשליכט
איך שטעל אין לײַכטער אַרײַן
הויך און ווירע־גלײַך
זיי זאָלן פלעמלען צו דיר
אָן אַ טראָפּעלע הכנעה.
איך שטײַג צו דיר
אָן מינדסטן פּחד אין מײַן נפש.
כ׳האָב לאַנג געשליפן מײַן געוואַגטקייט
צו שטעלן זיך פאַר דיר
גלײַך־אויף־גלײַך, באַשעפער,
און לאָזן מײַנע טענות זיך עפענען פאַר דיר
גערעכטע
פון מײַן מויל אַרויס.

ווײ מיר, ווײ מיר:
איך האָב פאַרגעסן!
איך קען זיך ניט דערמאָנען

וואָס
איך בין געקומען מאָנען.
איך האָב פאַרגעסן,
ווײ מיר.

געטער

אַיעדערער
צעהאַקט זײַן טאַטנס געטער
און
פון דעם בראָכוואַרג
שטעלט ער אויף
אַ נײַעם גאָט זיך
שפּעטער.

און לעסטער

מוראדיקער דו —
מײַן בעסטער,
זע :
איך קום צו דיר מיט
ליב און לויב
און
לעסטער.

דער אַכציקער

גאַטעניו דו האַרציקער,
איז וואָס זשע אַז
מע ווערט אַן אַכציקער
און ס'ווערט דאָס טראַכטן קלאָר
און לינד ?

זע :
מע נעמט זיך איצט באַגיין מיט דיר
ווי וואָלסט געווען
אַ ווייל געראָטן קינד :
אַ פּעטשעלע אין פּלייצע,
אַ גלעט איבערן בעקל
און ווונדער איבער ווונדער :
ווי גיך דו גייסט,
ווי גלײַך דו שטייסט.

אַ וואָרט אַ גלײַכס
ווען זאָגסט אַרויס
לאָזט זיך גאָר ניט אויס
דאָס לויבערײַ
עלעהיי
אַ גרויסער ווונדער וואָלט געשען.

זיך ווערן קעגן דעם
מע קען ניט, זיסער טאַטע.
מע קען נאָר כּלומרשט צובאָמקען
און שמייכלען תּמעוואַטע.

אין זיסן ווייטיק

יאָסעלען און יודעלען

איר טורעמט איבער מיר
מײַנע גרויסע שיינע זין.
סאַ פּיצינקע איך בין
בײַ אײַער זײַט.
איך האָב דאָך קיין מאָל זיך ניט אָפּגעקניפּט
פון אײַער עופלצײַט.

אין ערשטן „שרײַ"
פון מײַלעכל אַרויסגעצווונגען
קלאָר איך האָב געהערט
„איך"
פּאַרציטערט כ'האָב אַרויסגעשטאַמלט:
דו. דו.

אין ערשטן סימן פון דערקען אין אייגלעך אײַערע,
ווי אַ פלאַטער־שריפט געלייענט כ'האָב
„דו".
שטיל געענטפערט האָט מײַן שמייכל:
יאָ. איך.

ערשטער צײנדל אין מײַן ברוסט אַרײַנגעביסן,
און געוואָרן איז אַ בונד פאַרשניטן:
„איך־דו־דו".

אָט אַזוי
אין זיסן ווייטיק
געוואָרן זענען מיר
איינס דעם צווייטן נייטיק.

לידערבלוט

נעם
אַ גלעזל ייִ״ש
טרינק
אַ גלאָז ווערמוט
און זע
ווי מע צאַפּט פֿון דײַנע לידער
בלוט.

זע
ווי קורצזיכטיקע אויגן
מיט פֿאַרעלטערט מיקראָסקאָפּל
שטעלן דיאַגנאָז
אַיעדן טראָפּל.

זיי
וואָס שמעקן שוין מיט מאָך
ועלן
אָבער־ווידער
צאַפּן בלוט
פֿון יונגע לידער.

ערשט
נאָך אַלע אַנאַ־לויזן...
זע ווי גיך
מיט פֿרישן הייסן בלוט
ס׳נעמען דײַנע לידער
ברויזן.

די שׂימחה

פֿאַרענדיקט אַ טאָג אַזאַ שווערן
אַ לאַנגן,
אַרויס אָן אַ מום —
קום.
שטעל לעקעך און בראָנפֿן.
לאָמיר זיך פֿירן
ווי ס׳פֿירן זיך ייִדן בײַ שׂימחות.
לחיים!

— וואָס איז די שׂימחה?
וואָס איז איר נאָמען?

אויב דווקא אַ נאָמען מוז האָבן אַ שׂימחה —
גאָר אַ באַזונדערן נאָמען,
זאָג איך איר נאָמען:

איך
בין די שׂימחה
און זע
ווי סע וויינט אַזש פֿאַר שׂימחה
די שׂימחה...

יאָ —
לאָמיר זיך ווינטשן
ווי ס׳פֿירן זיך ייִדן בײַ שׂימחות:
לחיים!

וואָס פֿאַרשרײַבן

וואָס צו פֿאַרשרײַבן?
צי דאַרף מען דען זוכן?

כאַפּ און פֿאַרשרײַב:
דעם פּלאַטער פֿון אָטעם,
דעם ווונק פֿונעם אויג,
אַ זיפֿץ פֿונעם האַרץ,
אַ שאָקל פֿון קאָפּ,
אַ מאַך מיט דער האַנט,
אַ לאַך פֿונעם האַלדז
אין אַ ליידיקן הויז.

דאָס איז די שפּראַך
וואָס רעדט אויס דײַן איך
וואָס האָט ניט צו וועמען צו ריידן.

און דאָס איז דאָס ליד
וואָס זינגט אויס נאָר דיך.

ס'האָט ניט פֿאַר וועמען צו זינגען
און זינגט
פֿאַר זיך.
נאָר פֿאַר זיך.

ראַדיאָ־נײַס

ווען ראַדיאָ־נײַס
מיט גלאַטע, גלײַכע, אויסשטודירטע רייד
לאָזט וויסן וועגן
אַן ערדציטערניש
ערגעץ אין קאַליפאָרניע
צי ערגעץ אין טערקײַ
ווו אומגעקומען זענען גאַנצע שטעט מײַנסגלײַכן,
כאַפּ איך זיך פאַרן קאָפּ און זיפץ אַרויס:
אוי וויי!
אַזאַ וויסטער אומגליק.

ווען ראַדיאָ־נײַס
מיט גלאַטע, גלײַכע רייד דערציילט וועגן
איין מענטשן
וואָס האָט זײַן פויסט אויפגעהויבן
אַנטקעגן אַ צווייטן,
פאַרברעך איך די הענט
און קרעכץ אַרויס:
אוי וויי!
אוי וויי!
אַזאַ פינצטערע טראַגעדיע.
אַזאַ וויסטע, פינצטערע טראַגעדיע.

כדי דו זאָלסט קענען

כדי
דו זאָלסט קענען
אין אויגן זיך קוקן
באַזעצט האָט זיך
אין דיר
אַ פּיפּיק אַדוואָקאַטל —
פּריוואַט אַדוואָקאַטל אַזאַ
וואָס איז גרייט
אַלע מאָל גרייט
אַרויסשפּרינגען קעגן
שוואַכינקן קטיגור וואָס
האָט זיך אויך
יאַקבע
קוים קוים
אײַנגעמאָסטעט
ערגעץ אין אַ ווינקעלע
אין דיר.

פאַר דעם וואָס האָט מיר געשיקט
אַ מתּנה אַ בוים

איך האָב ליב דעם בוים
דעם בוים פון דער ערד וואָס כ׳האָב ליב.

כ׳האָב ליב דעם בליץ —
גאָטס גאָלדענע פינגער
דורך צווייַגן פון בוים וואָס כ׳האָב ליב —
כ׳האָב מורא און ליב.

איך באַהאַלט מייַן פּנים
אין גראָז פון דער ערד
און שרעק זיך פאַר שלענגל וואָס קריכט
אויף דער ערד וואָס
כ׳האָב ליב.

איך באַהאַלט זיך פון גאָט וואָס
כ׳האָב ליב
איך האָב אַזוי מוראָ און
האָב אַזוי ליב.

איך שרעק זיך
(מיך שרעקן די זינד?)
כ׳האָב מוראָ
און
האָב ליב מייַנע זינד.

דער טעות

דעם ווײַזפֿינגער אַ ציל געטאָן צום גלעקל,
אָנגעקלונגען.
זי האָט פֿאָרזיכטיק, מיט חשד
געעפֿנט.
אַן אויגנבליק
זײַ האָבן זיך אין פֿנימער פֿאַרקוקט,
פֿאַרשעריש
איינס דאָס צווייטע אָפּגעמאָסטן.

אַ ביסל אין פֿאַרלעגנהייט
ער האָט געזאָגט:
„אָ, איך האָב געמאַכט אַ טעות. —
פֿאַרבלאָנדזשעט צו אַ פֿרעמדער טיר.
זײַט מיר מוחל"
און מיט אַ קווענקלענדיקן טראָט
אַוועקגעשפּאַנט.

זי האָט אים נאָכגעקוקט
און ער
האָט אויף צוריק געכאַפּט אַ בליק,
אויפֿגעכאַפּט דעם נאָכשפּיר פֿון איר אויג
און איז אַוועק.

זי האָט געוווּסט:
ער וועט אַ צווייטן מאָל בכּיוון שוין
דעם זעלבן טעות מאַכן
און שמייכלענדיק
פֿאַמעלעכקע
צוגעמאַכט די טיר.

אַמאָל און הײַנט

זי האָט געזאָגט:
(חצי־ערנסט, חצי־שפּאַס)
„אַמאָל
האָב איך צוגעצויגן מענטשן
מיט מאכלים גוטע,
ווײַן
און מיט שטיפערישן שמייכל.
הײַנט
מוז איך
אין גאַנצן זיך פאַרלאָזן
אויף מײַן שׂכל."

אַרויס און אַרייַן

פון אינזיך
אַרויס,
פון זיך
אַוועק
וווּהין?

קודם
אַרויס פון דער ענגשאַפט
אין חלל, אין שטח, אין ברייטקייט
פֿאַרברייטן דעם שפּאַן,
פֿאַרלענגן דעם בליק,
צעוויגן דעם גאַנצענעם גוף
אָט אַהער, אָט אַהין —
געראַם!

די פינגער —
וואָס ציטערן אַזוי מייַנע פינגער
ווי קעצלעך מיט אייגלעך נאָך בלינדע
פֿאַרוואָרלאָזט אין האַרבסטיקן פעלד?
וואָס מאָנען די שפּיריקע פינגער?

זיי בענקען:
מיט פינגערשע שפּיצן
באַרירן זיי ווילן
אין שפּאַן־אויף־אַ־שפּאַן
די היימישע ענגשאַפט
דערפילן.

קאַנאַריקעס

זיבן שטייַגן אין אַ הויז
אין יעדער אַ קאַנאַריק

שטעכט מען זיי אַן אייגל אויס
זינגען זיי כאָראַליק.

אײַ זינגען זיי
אײַ זינגען זיי —
די קעפּעלעך פאַרריסן.

צי זינגען זיי
צי וויינען זיי
איך בין ניט ראָוי וויסן...

מיט צוגעמאַכטע אויגן

אויף די קני געשטעלט האָט זיך
דער קליינער וועוריק,
די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויף מײַנע קני,
דאָס פּנימל אַרײַנגעפּאַסט אין זײַנע דלאָניעס
אַרויפגעקוקט צו מיר און פרעגט :
אַז דו פאַרמאַכסט די אויגן מיט אַן שלאָפן,
דו ווילסט נאָר זען
וואָס דו קענסט ניט זען מיט אויגן אָפן,
וואָס זעסטו ?

„חכם מײַנער, זאָג איך,
מיט פאַרמאַכטע אויגן זע איך גאָרניט.“

רייצט ער זיך מיט מיר דער יאַט :
ווי קענסטו זען אַ גאָרניט ?
סע איז דאָך ניט פאַראַן אַ גאָרניט.

מאַך איך שוין אַזוי :
מיט פאַרמאַכטע אויגן
זע איך ניט
און שוין !

טוט ער מיטן הענטעלע אַ מאַך :
אָ, איר גרויסע,
איר זענט אין גאַנצן בלינד
ווען איר פאַרמאַכט די אויגן.
איכל בעסער גיין און זען
וואָס איכל זען
מיט צוגעמאַכטע אויגן.

צו מײַן פרײַנד דעם דיכטער ט.

אַ דאַנק, מײַן פרײַנד,
איך ווייס
דו היטסט מיר מײַנע טריט.
דײַן גוטסקייט
איז גרייט מיך אויפהייבן
ווען איך וועל פאַלן פון די פיס.
דו וועסט מיך אויסגלײַכן,
טרייסטן מיך און וואַרטן
איך זאָל עפענען מײַן ליד
און לאָזן צאָרן פלאַקערן
קעגן רישעות פון דער וועלט.
ווי אַנדערש זינגען מעג אַ ייִדיש ליד ?

און זע :
איך האַלט זיך אויף די פיס
און ריידן וועל איך גלײַך אין פּנים דיר —
דײַן פּנים וואָס כ'האָב ליב.
הער :
איך ווייס.
דײַן האַרץ איז גוט.
דו קענסט דעם בלוט באַפלעקטן שטיוול
וואָס יאָרהונדערטער
טרעט איבער די מײַניקע.
דו זעסט
ווו־הין דער שוואַרצער כּוח צילט אַט איצט
און דו לײַדסט —
אויפריכטיק דו לײַדסט
און דאָך איך פרעג :
ווי פילט אַזאַ פּאָעט ווי דו

וואָס איז צו אַלעם דעם אימון?
(אוי וויי,
צי איז דאָס ניט די קינאה וואָס רעדט אַרויס פון מיר?)
ס'איז דאָך די וועלט די פינצטערע
אַ דײַניקע
און דײַנע איז די שאַנד.
אַ שפּראַך האָסטו אַזאַ
וואָס מיליאָנען קענען זי פאַרשטיין.
עפן דו דײַן ליד און שרײַ
און מאָן און שעלט.
וואָרן זי די וועלט.

איך
קען מיט וואָרט זי ניט דערגרייכן.
אַ שפּראַך האָב איך
אַן אָפּגעציטערטע.
מײַן שפּראַך האָט שטילע אויגן
און אַן איידל קול.
זי קען ניט ריידן הויך.

פּײַנט האָבן
איך וועל מײַן ליד ניט לערנען,
ניט אומריין מאַכן זי
מיט דער מיאוסקייט פון שׂינאָה.
כ'וועל אויך מײַן זויבער לשון
ניט צווינגען צו דער בושה פון
אייביק זיך באַקלאָגן,
אייביק זײַן באַעוולט,
אייביק בעטן רחמים בײַ די דײַניקע
וואָס לאָקערן אויף מײַנע טריט.
בעטלען יושר

גיט מיר אַ רחמנות־פּנים
און אַ רחמנות־פּנים
איז אַ נאַריש פּנים.
אַ ז אַ נאַריש פּנים.
ד יי ַן חרפּה איז דאָס פּינצטער פון דער וועלט!
עפן דו דיין ליד און שריי און וואָרן, שעלט.

שיר־השירימדיק זיין זאָל מיין געזאַנג.
באַזינגען זאָל מיין ליד אַ זונפאַרגאַנג.
באַזינגען זאָל מיין ליד דעם וואונדער
פון אַ בויך מעוברתן,
דעם פלאַטער פון אַ פייגעלע אָקאָרשט אויסגעשיילט,
דעם אָטעם פון אַ קנאָספּ אויף אַ צווייגל.
באַזינגען זאָל מיין ליד
די מי פון אונדזער וואָך,
מיין זיידנס און מיין טאַטנס שבת־טיש
און מלווה־מלכּה
און בענטשן זינגענדיק איך וועל
דאָס ברויטל אויף מיין טיש.

און דו,
מיט דיין וועלטיש לשון
ראַטעווע די וועלט!
רעד צו איר,
שריי צו איר,
זי איז דיין
„טאַטנס דאגה״,
אָ מיין גוטער פריינד,
דיכטער ליבער
דו.

צו דעם גערעכטן

דו ביסט בײַ זיך אַזאַ גערעכטער.

קעגן דײַן גערעכט זײַן
ווער איך בטל.

פאַר דײַן הויכגערייד
שטיי איך שטום

איך קען זיך ניט פאַרטיידיקן.
ס'וויל אַ וואָרט ניט אויף מײַן זײַט זיך שטעלן.
איך האָב קיין מיטל ניט
אַרויסצורופן אַזאַ וואָרט.
ווען אַפּילו ס'וואָלט געקומען
וועסטו פאַרשרײַען.
דאָך
זאָג מיר:
איז דיר גוט צו זײַן אַזאַ גערעכטער?
קענסטו רויִק דורכשלאָפן אַ נאַכט
מיט דײַן גערעכטזײַן?

מיר
איז ניט גוט צו זײַן אַזוי באַזיגט.
מיר ווילט זיך וויינען איבער
מײַן אומבאַהאָלפנקייט.

נאַר עפּעס
טוט מיר ויי דאָס האַרץ אויף דיר.
איך האָב אַ ז ו י אויף דיר רחמנות.

ניט גרויס

ער איז געווען אַ גרויסהאַלטער
און האָט זיך געהאַלטן גרויס
און איך האָב געוווּסט
ער איז
אַ גרויסהאַלטער
און האַלט זיך גרויס

און ער איז אַ טראָפּעלע העכער געשטיגן
ווי געוויינטלעך
דער שטייגער פון שטײַגער
אַלץ העכער און העכער
צו שטײַגן:
ער איז געוואָרן אַ גרויסהאַלטער
וואָס האַלט זיך ניט גרויס
ער
האַלט זיך ניט גרויס

באַהיט זאָל איך ווערן פון
גרויסהאַלטער
וואָס האַלטן זיך
ניט גרויס

בליץ־גיך

קאַלירן מחוץ די
וואָס אונדזער אויג קען אויפנעמען,

קלאַנגען מחוץ די
וואָס אונדזער אויער קען אויפכאַפּן,

ווילן וואָס ווילנט זיך
איבער אַלע אונדזערע ווילנס
און באַשטימט אונדזער טוונג,

כּוח
וואָס פירט אָן מיט אונדז
מחוץ אונדזער ווילן —

אַט דאָס מחוציקע איז
אונדזער אייביקע ניט פאַרשטייִקע בענקשאַפט —
אייביק צו איר פאַרקוקט,
אייביק אין זוכעניש.

טרעפט אַ זעלטענער אויגנבליק
ווען אויסגעלייזט פון חומר
און פון גײַסטיקייט,
ווען אין אַ צושטאַנד פון אויסערזיכיקייט,
אין אַ מצב פון גאָרניטוויסיקייט
באַווײַזט זיך די סיבה פון
אונדזער בענקעניש
און בליץ גיך
פאַרגייט.

ברויט אויפן וואַסער

זייַן מויל
אַ סנאַפּל קנייטשן.
דער רעכטער אַקסל
אַ ביסל העכער פונעם לינקן.
געקומען איז דאָס אים
פון זאָגן „עט", „ווייסעכוואַס"
און דערביי
אַ הייב טאָן רעכטן אַקסל.

און די קאַרבן אין זייַן שטערן
קאַרבן זיך אַרייַן נאָך טיפער
ווען דאָס סנאַפּל רעדט אין זיך אַרייַן אַזוי:
שרייַבן בריוו און שיקן בריוו
איז
ברויט אויפן וואַסער
נאָר פּרווון דאַרף מען.
זאָל מען וויסן
אַז איך בין נאָך פאַראַן.
(ער טוט אַ פיר די מאַרקע
איבער צונג)
ה־ם?
מיך האָט דאָך ניט אַ שטיין געבוירן —
ה־ם?
ס'קען דאָך אָנקומען אַ ברויטל אויף צוריק?
פון קעסטל קען אַרויספאַלן אַ בריוול
גלייַך צו מיר אין האַנט.
ס'וועט ניט זייַן קיין טעות.
ניין.

ס'וועט בפירוש אָנגעשריבן זײַן
אויפן קאָנווערט:
דזשייק, יאַנקל אָדער שוואַרצער יאָר —
אַבי מיך מיינט מען.

אַזאַ גליק!
(טוט אַ לעק אַ צווייטע, דריטע מאַרקע)
דערוויילע שיק —
ברויט אויפן וואַסער.

אַ ביסעלע דערוואַרטן
מעג מען,
האַ?

דער פּאַטש

גוט צו זיצן בײַ דעם רעדל פֿון מײַן אויטאָ,
פֿירן בײַ דער נאָז דעם גולם.
ווער נאָך וועט טאָן אַזוי מײַן ווילן?
איך יאָג אים אום גאַס־אײַן גאַס־אויס —
נישטאָ קיין קעגנשטעל אין אים.
געננוג אַ דריי טאָן נאָר דאָס רעדל
ווי כ׳זאָל וועלן —
וועלן, וועלן, וועלן
כ׳ווייס אַליין ניט וואָס
און ער פֿאָלגט — דער גולם.

און ס׳איז געווען:
בליץ־פּלוצעם
טוט אַ וואַליע זיך אַ מענטש פֿון טראָטואַר
פֿאַר מײַנע רעדער.

מיט ווילדן אימפּעט,
מיט ניט־מײַן־כּוח
פֿאַלן צו די פֿיס מײַנע צו דעם טאָרמאָז (ברייקס),
דריקן, דריקן ביז דער אָטעם מיר פֿאַרכאַפּט —
ראַפּטעם
פֿאַרהאַלטן איז דער גולם.

— אָ, גאָט געטרײַער,
זאָל פֿון אָט דעם מענטש אַ האָרעלע ניט פֿעלן —
פּרעפּל איך מיט אויגן צוגעמאַכטע
און ס׳ציטערן די הענט מײַנע אויף רעדל,
פֿיס אין שרעק פֿאַרגליווערט —
איך קען מיך פֿונעם אָרט ניט רירן:

האָב איך אומגעבראַכט אַ מענטשן?

אַ שאָטן אָדער וואָס?
אַ ווילדע פרייד מיך כאַפּט אַרום:
ס'האָט דער מענטש זיך אויפגעהויבן,
רוּיִק ער שפּאַנט אַריבער
צו דער לינקער זײַט פון אויטאָ,
אַן אויגנבליק
שטעכט מיך דורך זײַן בליק,
פלאַמט אָפּ אַ פּאַטש מיר אויף דער באַק,
דרייט זיך אויס און
מיט דער זעלבער רוּיִקייט
ער שפּאַנט אַוועק.

צוזאַמען מיט מײַן פרייד
פלאַקערט אויף מײַן באַק דער פּאַטש פון פרעמדן מענטש
וואָס האָט געוואָלט
איך זאָל אים אויסלייזן פון לעבן.

לאַנג האָב איך דעם פּאַטש געצערטלט,
געגלעט, געריבן
אַז פלאַקערן דער פלאַם זאָל לאַנג מיר
אויף מײַן באַק.

אַ צופאַלן פון הויט
אויף הויט:
עפּעס אַ דערקענונג איז געווען אין
הוילקייט פון דער פרעמדער האַנט
אויף דער הוילקייט פון מײַן באַק.

לאַנג האָב איך געבענקט נאָך יענער האַנט...

אין אָנהייב

אין אָנהייב
איז געווען
תּאווה

פון תּאווה האָט
אַרויסגעפלאַקערט
ג אָ ט

תּאווה
איז
זײַן טבע

אַלץ
וואָס ער באַשאַפן טוט
איז
אין זײַן טבע

ווען פון זײַן טבע ער
גיט מער
אַ טרערעלע מער
דער
איז
אַ דיכטער
אַ קינסטלער

נאָך
אַ טראָפּעלע מערער
ווערט
אַ
מערדער.

מייַן מעת־לעת

אויפגעשטאַנען אין דער פרי
אַ מלאך

דורכן טאָג
געוואָרן
מכשפה

ביַי נאַכט
אין בעט אַריַינגעפאַלן
אַ פאַרשעמטע
אויסגעמוסרט
קינד

אין שלאָף
צאַפלט אויף אין זיפץ
דאָס אַראָפּ —
געשלונגענע
געוויין.

צו זינגען און צו זאָגן

טרילערס אויף די צווײַגן
זאָגן אַ געזאַנג מיר:
זינג!
(צו זינגען און צו זאָגן)

ראָבן אויף די פּלויטן
לאַכן אַ געלאַך מיר:
לאַך!
(טאַקע נאָר צום לאַכן)

זינגען אין דער וועלט אַרײַן?
אויסגיין פון געלעכטער?

צו וועמען

צאָרנסט
„וווּהין ביסטו פאַרקוקט ?
צו וועמען
פאַרעקשנט אַזוי
איז דײַן שווײַגן ? !"

מײַן זיידע
האָט געשטורעמט צו גאָט
מײַן באָבע
האָט געשעפּטשעט צו
א י ם.

מײַן טאַטע
האָט געשריִען צו גאָט
מײַן מאַמע
געזיפצט האָט צו
א י ם.

איך בין
אין אֵין־סוף פאַרקוקט
פאַרעקשנט
מײַן שווײַגן צו
א י ם.

געוויסנס

איך
די קליינע
די גרינגע —
אַזוי גרינג אַז
א ווינט קען אַוועקבלאָזן
ליג שווער
אויף עטלעכע געוויסנס.

וואָס ווייניקער
איך באַדאַרף
אַלץ שווערער
דריקט.

צוויי

אָ די צוויי
ווי צוויי זענען
צוויי
אין אייגעם זיך ליבן אַ „ליבן"
אַזש אויסגיין
פון ליבשאַפט אין צווייען
זיך פײַנטן.

אַ מאָל
ווען ס'בײַסט דאָס געוויסן
באַווײַזט זיך „רחמנות" בלאָ־אויגיק
וויינט זיך אַפילו.

דעמאָלט
אָ דעמאָלט
פון סאַמע גוטינקן שטילן
„רחמנות"
שווײַגט זיך
און צווײַגט זיך
אַרויס
אומברחמנותדיק העליש
די פײַנטשאַפט.

אַ דאַנק פאַר אַ בוך לידער

אַ דאַנק פאַר „לזכּרון דער צוקונפט“.
דאָרט צאַפּלט זיך דער ייִד אין דיר
דורך אותיות ניט ייִדישע
אין דײַנע „בייזער חלום“ נעכט.

אָ, די קליינע שטיינדלעך צווישן דײַנע ציין,
די גרויסע שטיינער דיר צוקאָפּנס,
די פײַערן, די טיפע אָפּגרונטן ווו
דער דיכטער מוז אַדורכגיין!

דו שטרויכלסט ניט,
דו ווערסט ניט ניכשל, יאַשאַ,
גייסט אַרײַן אין דעם קאָשמאַרן־וואַלד, שפּאַנסט זיכער
ווי דער „פּרימיטיוו“ וואָס ווייסט, וואָס קען
אַלע זײַנע ווילדע גראָזן:
פאַר יעדן ווייטיק, פאַר יעדן אָנרײַס, פאר יעדער ווונד.
דאָרטן פירסטו דײַנע צעפּוזשעטע שקאַפּעס —
די בייזע חלומות דײַנע, די „נײַטמעירס“
דורך די שוואַרץ־בלוטיקע פײַערן
און קומסט אָן
גלײַך צו די טויערן פון דער „דיכטונג“.
דו קומסט אַהין
אָן איין פאַרסמאַליעט הערעלע פון דײַן קאָפּ.
די טויערן עפענען זיך פאַר דיר,
דו גייסט אַרײַן אומבאַשעדיקט.
בראַוואָ, יאַשאַ!

איצט איז שוין ווײַסער טאָג.
ביסט שוין וואַך

שטיי אויף!
מען וואַרט אויף דיר.
מען ריכט זיך אויף דיר בײַ די טויערן
פון טאָג־ליכט.
אויך דאָ וועט זײַן צעמישונג,
צעטומלעניש...
נאָר געדענקען זאָלסטו, יאַשאַ, אַז
„ריטעם" איז פֿאַראַן אַפּילו אין כאַאָס
וווּהין ס'מוז אַרײַנדרינגען דער דיכטער
וואַך...

איך האָף דיך דאָרט באַגעגענען
אויב
יענע טויערן וועלן אויך זיך עפֿענען פֿאַר מיר.

גוואַלדן

אַ שווײַגעניש
האָט זיך באַזעצט אין מיר
און וואַקסט
שטײַף,
האַרט
ווי אַ נוס.

דאָס וואָס רעדט אַרויס פון מיר
איז נאָר
דער דרויסנדיקער גרינער אָפּשייל
פון שווײַגעניש — דעם נוס.

ווען
פון איבערצײַטיקייט
דער נוס — מײַן שווײַגעניש
וועט
זיך שפּאַלטן
וועלן
הימל אויפרײַסן
פון שווײַגעניש
די גוואַלדן.

ווערטער

אײַ און אוי —
פֿול מיט צונג מײַן מויל.
ווערטער דאָרטן צאַפּלען
נאַקעט הויל
און וועלן אפֿשר שטאַרבן
אין מײַן מויל
נאַקעט הויל.

װײַזערל

כ׳בין
איך טו
װי דאָס דײנסטע גאָלדן װײַזערל
װאָס קײן מאָל ניט רוט.
כ׳לױף איבער רגעס
און כאַפּ
אַ מינוט.

צו נעכטן

מײַן נעכטן,
רוף זיך אָפּ!
באַווײַז זיך אויף אַ רגעלע צוריק.
צי האָב איך דען אומזיסט געאָטעמט
אין דײַן ריטעם?
כ׳האָב ערגעץ דאָרט בײַ דיר
אַ טעותל געמאַכט
(ניט קיין זינד — חלילה)
לאָז מיך דאָס פֿאַרריכטן.

הײַנט בײַם ערשטן בליאַסק אויף טאָג
האָט אַ בושה מיר אַ שטאָך געטאָן די אויגן
וואָס האָבן זיך געוואָלט אין קישן אויסבאַהאַלטן.

מײַן נעכטן,
האָסט אַזוי פֿיל רגעס אויסגעשאָטן.
טרעפֿט
אַ רגע ווי אַ שטיינדעלע אַ פּיצל
שטרויכלט,
און אַז מע פֿאַלט
קען מען אומוואַרפֿן אַ צווייטן
און אָט
אַן אומרעכט
צי אפֿשר גאָר אַ קינדערײַ.
זײַ מיר מוחל.

מײַן נעכטן,
קום אויף אַ רגעלע צוריק
און לאָז מיך עפּעס דאָרט
פֿאַר־רעכטן.

צו רחל קאָרן

צו איר באַקומען די מאַנגער־פּרעמיע

טײַערע רחל,
איך בין פֿאַרבעטן צו דער שׂימחה פֿון דײַן קרוינונג.
דו ווייסט דאָך שוין פֿון פֿריִער ווי מען טראָגט אַ קרוין.
ס׳פּאַסט דיר.
ס׳איז דאָך אַזוי נאַטירלעך פֿאַר דיר.
ס׳איז נאָר דאָס לאָזן זיך אָנטאָן די קרוין:
מע דאַרף דאָך אַ טראָפּעלע דעם קאָפּ אַ בייג טאָן...

דו און איך זענען געבוירן און אויסגעוואָקסן אין אַ דאָרף.
ווּהין מע זאָל ניט אַרײַנוואַקסן
טראָגט מען מיט דעם דאָרף סײַ ווי.
דער חיִות פֿון מײַ־ראָסע,
דער ריח פֿון בעז און ווײַנשל בליטן,
דער ציז פֿון גערשטן זאַנגען אין ווינטל,
דער אַראָמאַט פֿון רײַפֿע עפּל,
די שלעפּערדיקע זיסקייט פֿון צוגעלעגענע באַרעלעך,
דער שטאָך פֿון סטערנע נאָכן אָפּשניט פֿון תּבֿואה אין די באָרוועסע פֿיס,
דער אומעטיקער דאָרפֿישער קבלת־שבת,
דער מאַמעס שבת־פֿאַרבענקטע האַנט איבער פֿאַרנאַכטיקער שויב
זוכנדיק דעם ערשטן שטערן אין הימל,
אַפֿילו דער ריח פֿון זויערטייג פֿון ערשט פֿאַרמישטער ראָשטשינע
אויף דער „פּולעוואָד” —
אָט די אַלע ריחות זענען דיר און מיר נאָכגעגאַנגען
אָדער נאָכגעשוועבט ביז אין דער גרויסשטאָטישקייט אַרײַן.
דיר זענען זיי נאָכגעגאַנגען אין דײַנע וואָגלענישן
ביז עק־וועלט.
מיט אַלץ דעם שמעקן דײַנע דערציילונגען.

ס'אַטעמט איבער דײַן ליד וואָס רײַסט זיך דורך
פײַערן און רויכן...
ס'איז אין דײַן געדענקען,
אין דײַן זיפץ
און איבער די „שאַרפן פון רגעס" דײַנע.

כאָטש מיר ביידע טראָגן דעם דאָרף אין אונדזערע ביינער
זענען דאָך אונדזערע לידער פאַרשידן.
אַזוי דאַרף זײַן.
אַזוי מוז זײַן.
ס'קען דאָך ניט זײַן קיין צוויי רחלס
אָדער צוויי מלכּהס.

שטיי איך איצט בײַ דײַן רעכטער זײַט און זע
דאָס ליכט פון דײַן כּבוד מיט אויפריכטיקער פרייד.
נאָר איך וועל זיך צו דײַן קרוין ניט בוקן, רחל.
איך וועל נאָר בענטשן דײַן קאָפּ וואָס טראָגט זי מיט חשיבות.

שפּילכלעך

אַליטאַ,
פאַרקוקסט מיר אין די אויגן,
ווילסט לייענען מייַן פּנים,
זוכסט אָנהאַלט אין מייַן עלטער.
אָנשפּאַרן דו ווילסט
די קינדערייַען —
דייַנע קינדערישע גענג
אָן מייַן באַזאַכטיקייט,
באַדאַכטיקייט
געצייַטיקט אין גדויער.

קינד,
נישטאָ גאָר אַזאַ עלטער וואָס איז
ניט אַ קינד.
ס'איז נאָר
די שפּילכלעך זענען אַנדערע.

אַנדערע די שפּילעכלעך,
קינד.

זאָל די קלוגשאַפט שווײַגן?

אויב די יאָרן מאַכן קליגער
זאָל די קלוגשאַפט שווײַגן
כּדי
ניט זײַן אַ נאַר?

אַזוי פיל מאָל געשפּרונגען אין סכּנות
אַזוי פיל מאָל געהאַנגען איבער תּהומען
אַזוי פיל מאָל האָט ווירבל
צום אונטערשטראָם געווירבלט מיך
אַרונטער
אַרונטער.

אין שרעק נאָך שרעק
אין שטאָך נאָך שטאָך
אין ווײ נאָך ווײ
אין אָך נאָך אָך
דאָס ביסל קלוגשאַפט אָנגעקליבן.

זאָל די קלוגשאַפט שווײַגן
כּדי
ניט זײַן אַ נאַר?

מײַן לידער־אָוונט

דער יושב־ראָש איז אויפגעלייגט.
ער איז אַ „צוגעגרייטער".
ער טוט אַ טאַפּ די רעכטע קעשענע,
כאַפּט אַ קוק צום וואַנט־זייגער אַנטקעגן:
זײַנע פּופּצן מינוט וועט ער אָפּנעמען.

ער שטייט שוין.
איך צי אויף מײַן פּנים אַרויף גלײַכגילטיקייט:
ניט מיך מיינט מען.
דער עולם קוקט מיט איין אויג אויף אים,
מיטן צווייטן אויף מיר.
מײַן לינקער אויער איז אָנגעסטראָיעט —
כאַפּט אויף:
אָט „שׂרה בת־טובֿים",
אָט „סאַפֿאָ".

דער זייגער טריפּט רגעס.
„איך האָב דעם גרויסן כּבֿוד אײַך פֿאָרצושטעלן
אונדזער מלכּה!"

איך טו זיך ראַפּטעם אַ שטעל אויף
ווי כ'וואָלט אויף דעם אַן אייביקייט געוואַרט.

איך לייען.
כ'שטעל זיך אָפּ בײַ שורות,
מאַך קאָמענטאַרן.
מיט יעדן ליד
שטײַגט אין מיר באַגײַסטערונג.
מיר הייבן אָן געפֿעלן מײַנע לידער.

איך ווער מיר חשובער:
אָט בין איך שוין אַ ביסעלע אין זיך פֿאַרליבט.
עפּעס אין מיר שמייכלט.

דער זייגער —
אַן עולמניק טוט דעם קאָפּ אַ דריי אַהינטער:
די שעה און פערטל איז שוין העט אַריבער.

איך פֿאַרנייג זיך מעשׂה גדול,
זאָג אַ ברייטן דאַנק.

אַפּלאָדיסמענטן —
דאַכט זיך שטאַרקע,
דאַכט זיך שוואַכער ביז
איינער צעשפּרייט די אָרעמס ברייט און ווײַט,
טוט אַ לעצטן טראַסק:
שוין.

מע גייט צו מיר.
מע ברענגט מיר שמייכלען אַלערליי:
אַ שמייכל פֿאַרקאַטשעט די אייבערשטע ליפּ
אַזש ביזן נאָז זאָגט:
געזען שוין שענערס.
(אַ דיכטערין דאַרף זײַן אַ שיינע)
אַ שמייכל — די רעכטע זײַט פֿון מויל
אַ ביסעלע אַרויף פֿאַרצויגן:
געהערט שוין בעסערס.
אַ שמייכל — גלײַך און שטײַף ווי אַ ווירע:
אַז מע וויל קען מען זאָגן...
און איך לייען שמייכלען, שמייכלען
און איך שמייכל תּמעוואַטע אויף צוריק.

אָט שפּאַנט צו מיר דער סאַמע מבין:
הענט אין הויזן־קעשענעס,
אַרויסגעשפּיצט די עלנבויגנס,
אַ וויג אויף רעכטס, אַ וויג אויף לינקס,
שטעלט זיך קעגן מיר און ציט
פֿאַמעלעכקע די ווערטער:
זאָגט מיר, דיכטערין טײַערע,
פֿאַר וועמען שרײַבט איר?
דאָס מאָדערנע איז מיר עפּעס שווער צו כאַפּן.
„פּאָעזיע" איז דאָך ניט קיין תּורה וואָס
מע דאַרף זיך זעצן לערנען.
אָט קען איך הײַנט נאָך דעקלאַמירן
אויף אויסנווייניק ווי אַ וואַסער אברהם רייזען.

פֿון הינטער־אַרום שטילערהייט
קומט צו דער שטילער,
פּיקט אָפּ אַ קוש מיר אויפֿן קאָפּ:
יישר־כּוח.

איינער פֿון דער ווײַטנס פּאַרציִענדיק אַ פּאַפּיראָס
שמוגלט דורך צו מיר אַ שמייכעלע
פֿון ווינקל־אויג אַרויס:
אַ פּײַג ווייסן זיי
אַז איך וועל הײַנט נאָך
מיט דיר שלאָפֿן.

פֿרויען ברענגען כּיבוד צו די טישן.
דער יושב־ראָש
טוט זײַטיק פֿאַמיליאַר
דעם קאָפּ צו מיר אַ בייג:
אַ שיינער אָוונט.

לאָמיר זיך איבערבעטן

לאָמיר זיך איבערבעטן, שׂונא מײַנער.
דו האָסט דאָך מיך פֿײַנט
נאָר דערפֿאַר
וואָס ערגעץ
אין אַ פֿאַרבאָרגן ווינקעלע אין זיך
האָסטו מיך ליב.

פֿאַרגין מיר
דאָס ביסעלע ליבשאַפֿט.

דו ווילסט דאָך זײַן ווי איך,
דערפֿאַר
ביסטו מיר אַ שׂונא.

לאָמיר זיך איבערבעטן,
שפּיגל־פּנים מײַנער דו.

איך שעם זיך

אוי ווײ
און
אוי ווײ
איך שעם זיך אַזוי
וואָס
מע קען מיך פֿאַרשעמען.

איך שעם זיך אַזוי.

געפינן אַ פנים

ווערטער טאַנצן פריילעכע אַרויס,
ריטעמדיקע שורה אומעט זינגט אַרויס
און שלײַפט, און שלײַפט די פּרזן טרויעריקע
שאַרפע, שאַרפע,
— נעם און פּרווו זיי אויף דײַן צונג דיר אויס —
לידער ליכטיקע און העלע ווי בורשטין
בלאַנקען שטאָליק צאָרן צו דער וועלט אַרויס.
צו דער וועלט אַרויס.

דיכטער,
ס'האָט דאָך ניט די וועלט אַ פנים.
שרײַסט אומזיסט:
ריידן צו דער וועלט איז
„ריידן אין דער וועלט אַרײַן",
איז אָנצינדן בײַ נאַכט
די זיבן רעריקע מנורה אין דער מידבר וויסט.
אָ דיכטער,
מיט דײַנע פינגער־ליכטער
זוך זיך אויס אַ פנים אַ פאַרשולדיקטן און צינד
דײַן צאָרן,
לאָז עס פלאַקערן אַנטקעגן אים.

קענסטו אַזאַ פנים ניט געפינען
טו אַ קער זיך צו דײַן אייגן פנים אויב
דו קענסט דײַן פנים אייגענעם דערקענען...

בענקעניש

איך בענק נאָך די פויגל־מחשבות וואָס
פליִען מיר אָן
און כ׳קען ניט
איך קען זיי ניט כאַפּן

איך בענק נאָך די טענער אין מיר וואָס
סטרונען קוים העריק
און רייצן מײַן הערן
און לאָזן זיך פאָרט ניט דערהערן

איך בענק נאָך דער באַק וואָס
מײַן האַנט וויל באַרירן
און ווייסט ניט
און ווייסט ניט אַוווּ זי צו זוכן

איך בענק נאָכן אויסדאַכט וואָס
שאָטנט דײַן ווינאָרט
אָן באָדן
אָן ווענט און אָן טירן.

איך בענק נאָך מײַן „איך״, אַזאַ איך וואָס
פאַרגיכערט דעם צי פון מײַן אָטעם
מײַן איך וואָס
איך קען ניט דערגרונטן

איך בענק נאָך מײַן בענקען וואָס
איז אַזאַ בענקען
וואָס איך דערקען ניט
און האָב נאָך פאַר דעם ניט קיין נאָמען
און בענק...

צום איינעם־אַליינעם

ווער סע ווינט אַליין
אין אַ הויז איין־אַליין
רעדט צו זיך אַליין.

טרעפט :
דײַן אייגענער קול
אין דײַן אייגענעם הויז
שרעקט.

און נאָך מער דערשרעקט
אַ וואָרט ניבול־פּה רחמנאָ ליצלן
פון דײַן אייגענעם מויל —
אַ פלעדערמויז
פלאַטערט אַרום אין דײַן הויז.

אויך טרעפט
אַז דווקא פון אייגענעם מויל
אמתן שטעכיקע שפּרינגען אַרויס און באַפאַלן
דעם איינעם־אַליינעם אין הויז.

פאַרפאַלן
ניט ווער זיך
בעסער
נעם אויף זיי ווי געסט, לאָמיר זאָגן
ניט קיין געבעטענע —
מאַך זיך אַ האַרץ און נעם אויף.

און ווען זיי פֿאַרלאָזן
ווערסטו
אַ ביסל געבויגן
זיך נעמען אָרדענונג מאַכן
ווי מען טוט נאָך אַוועקגיין פֿון געסט —
דיר וועלן די הענט זיך ניט הייבן
דערפֿאַר
וואָס זיי גייען ניט
קיין מאָל
אין גאַנצן אַוועק...

געשלאָפן אין שלייער

איך האָב זיך נאָך ניט אײַנגעפּאָרעט
און
מײַן שבת שבתון
שטייט שוין באַלד
בײַ מײַן שוועל.

ווײַזט אויס איך בין געשלאָפן אין שלייער.

מיר דאַכט זיך
כ׳האָב ערשט אויפגעבונדן די וואָך
אויפגעעפנט דעם מאָנטיק
נאָך פאַר די אויגן ניט אָנגעזען דעם דינסטיק
און שוין אַזוי שפּעט...

געמיינט ס׳איז נאָך ווײַט צו קבלת שבת
בנאמנות
איך בין נאָך ניט גרייט אויפצונעמען
מײַן שבת שבתון.

איך גיי דאָך פֿאַמעלעך

דו האַלטסט אַן אויג אויף מיר.
ביסט אַלע מאָל מיר הינטער.
שפּרינגסט אַרויס פֿון הינטערגעסלעך,
פֿון הינטער פּלויטן.
שפּרינגסט אַרויס
פֿון אַלע טונקלקייטן
און יאָגסט מיך אָן
און לויפֿסט מיר נאָך.
איך ווייס
און דאָך
איך פֿרעג:
צו וואָס דאַרפֿסטו לויפֿן?
איך גיי דאָך פֿאַמעלעך.

דורך טונקלענישן

מיט טונקלענישן אָנגעקוועלט
און פון ראַנגלענישן שווערע מיד
שמייכל איך נאָך אַלץ צו דיר, מײַן וועלט
מיט טונקלענישן אָנגעקוועלט.
אין אַ שמייכלדיקן תּם פֿאַרשטעלט
צי איך אַלץ נאָך לויטער ליכט פון ליד
מיט טונקלענישן אָנגעקוועלט
און פון ראַנגלענישן שווערע מיד.

שטילער, שטילער

צווישן מיר און דיר

אַ שטילינקע טויב איז מיר
איצטער מײַן ליבשאַפט —
מײַן שטילינקע טויב.

ראָזינקע לאַפּקעס
היימיש
אויף שפּיץ פון מײַן אַקסל —
זי וואָרקעט,
זי וואָרקעט
אין מײַן אויער אַרײַן.

לײַכט איז מײַן גלעט אויף איר קעפּל —
איינפינגערדיק,
קליינפינגערדיק
לײַכט.

איך נורע מײַן נאָז אײַן
אין ווײַסינקן פליגל
און שמייכל אַ סוד אין געפעדער אַרײַן:
„צווישן מיר און דיר, מײַן שטילינקייט.
צווישן מיר און דיר,
מײַן ליבינקייט..."

פולע הויפנס

איך שיק דיר דעם אתרוג־ריח
פון מײַנע הענט:
אָקאָרשט זיך געפּאָרעט
אַרום מײַן ציטרין ביימעלע.
ס'איז איצטער
אין צעבלי
איך האָב אַרום דעם שטאַם
אַ וועק געטאָן די ערד,
(כ'וועק אַזוי מײַן בילד אין דײַן זכּרון)
באַוואַסערט
און געבענטשט.
(איך בענטש אַזוי דײַן בילד
אויפגעהיט אין מײַן זכּרון)

הייליק

מאַמע,
האָסט לכּבוד שבת
אָנגעצונדן ליכט
און באַלד
מיט בײדע הענט פֿאַרשטעלט
די אויגן בעתן בענטשן.

איז ער
הייליק אויך אַזוי
וואָס איך פֿאַרשטעל מיט בײדע הענט
מײַנע פּנים־קנײטשן ?

אַרויס פון די ברעגן

און זי האָט דאָס גערופן „גלײַכוואָג"
ווערדליק סדר
ווערדליק שטייגער
קאָנטראָלירט געברויז אין איר
גלײַך אַ טײַך
גלײַך אַ ים
גלײַך אַ פלאַם
ווי זי קאָנטראָלירט דעם ריטעם אין אַ שורה
שטרענגער נאָך
אײַנגענומען
אײַנגעהאַלטן
ביז
לײַכטער ווי אַ פליגל־פּאָך
מיט פינגער צווײ אָנגערירט זײַן באַק
און באַלד
ווי ס'וואָלט אַ מלאכל אַ שטיפער
אַ שטיינדעלע ניט גרעסער ווי אַ טרער
אַרײַנגעוואָרפן אין פאַרגליווער
גלאַט צוליב אַ שטיף טאָן ווען
און דער טײַך־ים־פלאַם
אַרויס איז פון די ברעגן.

פֿאַרבעטונג געשיקט דורך מײַן טויב

קום !
איך וועל צעפּראַלן טיר און טויער
פֿאַר דײַן קומען.
ס'וואַרט אויף דיר
אַ מגילה אַ פֿאַרוויקלטע.
קום.
וויקל אויף.
לייען אויף אַ קול.
ס'וויל די מגילה אין זיך
זיך אײַנהערן
טראָפּ נאָך טראָפּ
פֿון דײַנע ליפּן אַראָפּ.

און ווען סטו אויפֿוויקלען ניט קענען,
וועל איך פֿאַרהאַקן טיר און פֿענצטער,
אויסלעשן דאָס ליכט
און בײַ דער שײַן פֿון דײַנע אויגן —
בײַ די פֿלעמלעך בלאָע
לייענען פֿאַר דיר
מגילת
מלכּה.

טיי

אָוונט.
רעגן כליאָפּעט,
כליפּעט באָכן איבער שויבן.

לאָז זיך גיין אין רעגן.
שאַר זיך ביַי די ווענט.
שיץ זיך אונטער דעכער.
קום.

איך וועל שטעלן טיי.
מיר וועלן וואַרעמען די הענט
אַרום היימישער גלאָז טיי.

טיף פּאַרקוקט
אין לויטערן בורשטין פון גלאָז
מיר וועלן מעשׂיות זיך דערציילן
אמתע און אויסגעטראַכטע.

אויסגעטראַכטע
זענען אויכעט ערגעץ אמתע געווען.
מעשׂיות אויסגעטראַכטע
זענען דאָך מיט אונדז אַליין געשען —
דערציילן קען מען נאָר
ווען מיר מאַכן זיך
איינס דעם אַנדערן ניט־זען...

קום.
איך וועל שטעלן טיי.
מיר וועלן מעשׂיות זיך דערציילן
גאַפּנדיק אין אַמבער פּונעם גלאָז
און מער גאָרנישט זען
און גאָרנישט,
גאָרנישט ניט פאַרזען...

גערענקסט?

אין דרויסן געווען איז אַ פראָסט —
אַ טרעשטשענדיקער פראָסט
און אַ פוכיקער שניי איז געלעגן.
דער שניי האָט אין פענצטער
מיט פראָסטיקן פײַער געשימערט —
דערציילט פון אַ ליכטיקער קעלט.
דו געדענקסט?

דו ביסט אַרײַן.
צוזאַמען מיט דיר אויך אַרײַן איז
אַ ריח פון עפּל —
גרינע —
איין בעקל אַ ביסל פאַררויטלט.
„זימקעס" האָט מען זיי גערופן אַדאָרטן
אין לאַנד פון מײַן קינדזײַן.

דו האָסט מיר דערלאַנגט דײַנע הענט —
בלאָלעך־פאַרפרוירענע הענט.
איך האָב זיי אין מײַנע גענומען,
לײַכט זיי געריבן,
דורך שמייכל
וואַרעמען אָטעם געבלאָזן אויף זיי.

געדענקסט
ווי ס'האָבן גענומען זיך ראָזלען
די הענט דײַנע גרויסע
אין מײַנע
צווי קליינינקע וואַרעמע הענט?

שאָטן

ניט צי אויס דײַן האַנט צו אַ חלום:
װעסט מאַכן אַ מום אין אַ שאָטן
װאָס מיט גאָרניט אין איר איז געראָטן.
ס'האָט אים דײַן נױט נאָר באַשאַפֿן
צוליב אַ לאַנגאָנעדיק דאַרפֿן.
אַ בלאָז
און ס'װעט אָט דער אױסדאַכט צערינען
און בלײַבן װעט נאָר אין דײַן זינען
אַ בענקשאַפֿט אַ קראַנקע, אַ מידע.
אַ בענקשאַפֿט אַ מידע.

פאַרזיכערט

דער טעות
ליגט צווישן אונדז
פאַרזיכערט :
דו
מאַכסט זיך ניט זעעוודיק
און איך
מאַך זיך ניט
וויסנדיק.

דער ווינט קומט קיין מאָל ניט אַליין

דער ווינט
קומט קיין מאָל ניט אַליין.
עפּעס ברענגט ער מיט.
טרעפט
ער קומט מיט אַ געשוועב פון
ריחות ווײַטע
פון עפּעס יאָ, פון עפּעס ניט:
אַ באַרעלע, אַ פּאָזעמקע, אַן עפּל,
קאָרע פון מײַן גוטער אַלטער ליפּע,
פריש צעאַקערט ערד אַ קלומפּע
און רופט
און רייצט
כאַטש נעם,
כאַטש נעם
און לויף אים נאָך דעם ווינט,
צעפלאַטער נאָז־פליגלען,
כאַפּ דעם ריח־הויך,
צי אין זיך אַרײַן —
טיף אין זיך אַרײַן
און האַלט דעם אָטעם אײַן.
האַלט דעם אָטעם אײַן.

דער ווינט
קומט קיין מאָל ניט אַליין.
ס׳טרעפט
ער ברענגט
אַ שאָטן פון אַ שאָטן־בילד:
אַ שמייכל,

אַ חן־גריבל,
אַ זומער־שפּרענקל אויף אַ באַק.

שטומע, שאַרפע בענקשאַפטן
די חושים מיר צעפּלאַטערן, צעשפּילן
ווי פינגערלעך פון עופּעלע אין וויגל
וואָס ווילן
כאַפּן אין דער לופטן עפּעס וואָס
ערגעץ
פריִער איז געווען...
איז כאָטש נעם,
כאָטש נעם און
יאָג אים נאָך דעםווינט,
כאַפּ
און צי אין זיך אַרײַן —
טיף אין זיך אַרײַן
דעם שאָטן פונעם שאָטן־בילד
און האַלט דעם אָטעם אײַן.
האַלט דעם אָטעם אײַן.

דער ווינט
קומט קיין מאָל ניט אַליין.

טעמפּ און שאַרף

אוי ווײ
ווי טיף און טעמפּ
דו טוסט מיר ווײ

און ווײ
ווי דין און שאַרף
איך
טו דיר ווײ

טאָ לאָמיר זיך
פֿאַלן אויף די העלדזער
און וויינען
פֿאַר ליבשאַפֿט

דער מזיק

„אַזאַ מזיק!
אַ ניט־גוטער זיצט אין איר.
קען קוים די פיסלעך שטעלן
און שוין
אַזוי פיל שאָדן.
אין וועמען איז זי געראָטן?"
„אין דיר" האָט ער געזאָגט:

„איך בין
יענע נאַכט
מיט דיר געווען...
נאָר אויסגעטראָגן האָט
די צווייטע."

קלאַנג־געבאָרענע

וואָרט עמבריאָן, אָטעם־געשפּײַזט ליגט לאַנג אין שלאָף,
לאַנג אין דרעמל ניט אויסגעשיילט, ניט געעפנט.
קלאַנג געדולדיק וואַרט אויס, טראָגט אויס, הילכט אויס וואָרט
אינזיך פּאַרטוקט ווערט פונזיך אַרויסגערופן, ווערט אויפגערופן
צו „חושים" זין אָנקניפּן, צובינדן און וויברירן לאַנג
און ציטערדיק — ווערן „באַשאַף" צוליב אייגענעם באַדאַרף:
הנאה פון זײַן צעזונגען.

הייסט דאָס: ווערטער זענען קלאַנג־געבאָרענע,
אַ שטייגער ווי קלאַנג מאַכט מיטן וואָרט „דו".
הער וויפל אויסזינג דאָס קליינע וואָרט טראָגט: „דו־דו־דו".
קען מען דערפון דרינגען:
„דו־דו־ווו, דו־דו־ווען,
דו־פונוואַן, דו־ביזוועןו".
„ביז ביזוען — — — "

מיט ליד

איך האָב דיך געזען אין דער סביבה
פון לידער —
אַ נימבוס
אַרום דײַן געבויגענעם קאָפּ

איך זע דיך אַזוי אויך אַט איצטער —
דײַן פּנים
אַט טונקלט, אַט בליצט ער
דורך ווײַט און דורך צײַט

איך זע דײַנע פֿינגער צעשפּילטע —
אין ליד אײַנגעטונקענע פֿינגער

אַט טו איך אַ כאַפּ דײַנע פֿינגער
אין ציילן די זילבן פֿאַרשפּילטע
אַט דרוק איך זיי אָפּ
אויף מײַן באַק.

בלאָע בליקן

בלאָע אויגן
האָט מיר הײַנט דער טאָג

רונד אַרום מיר
בלאָע בליקן
בליקן

הײַנט
איך וועל אַ וואָרט ניט זאָגן
איך וועל אײַנשלינגען מײַן וואָרט

פאַלן
ווי אַ רודער
אויפן שטילן וואַסער
און צערונצלען מיר דעם טאָג
קען
אַן איינציק וואָרט

אויסלעשן די בלאָע אויגן
קען אַ וואָרט

בלאָע אויגן
האָט מיר הײַנט דער טאָג

רונד אַרום מיר
בלאָע בליקן
בליקן

אַרויס פון דער מאָדע

„האַרץ"
איז אַרויס פון דער מאָדע, מײַן ליבער,
און „ליבער"
איז אויך פון דער מאָדע אַרויס
און האַרץ
איז נאָך האַרציק
ווי ערד
איז אַלץ ערדיק
און האַרץ איז נאָך בענקיק
ווי ערד איז געבערטיק
אַ סימן
דאָס ברויט אויף מײַן טיש
דעריבער
זינג, האַרץ מײַנס,
צו „ליבער"
דײַן אָדע:
אָט ערשט איז עס ווידער
אַרײַן אין דער מאָדע
זינגיק ווי זאַנגען
און הייליק ווי
ברויט

דער שוועל

ווי לאַנג
ביסטו פון יענער זײַט געשטאַנען
ביז
דײַן פינגער
צוגעפאַלן איז
צום גלעקל פון מײַן טיר?

כ׳עפן

אַן אייביקייט
ליגט מײַן שמאָלער שוועל
צווישן דיר
און מיר

האָסטו פון אויג מיך פאַרלאָרן

איך בעט דיך:
ניט לאָז זיך פאַרפירן.
ניט רײַס זיך דערגרייכן
— ווײַטע משונהקע הייכן
דו קענסט נאָך
פון אויג מיך פאַרלירן.

פאַרלירסטו פון אויג מיך חלילה
פאַרלירסטו שוין אויכעט
דעם בוים,
די קליינע קאַקעטקע — די קאַרש,
די זילבער־באַהויכטע פורפלנע פלוים.
פאַרלירסטו שוין אויכעט
די בין
מיטן פיסקל אין קליינינקן בעכער
פון בלום.

פאַרלירסטו פון אויג מיך
האָסטו שוין אויך ניט
— דעם מילגרוים
דאָס קעלטערל ווײַן.

— אָ יאָ
דער מילגרוים:
קוק אַן אים
— אַט יענעם
צו פיל געזשליאַקעט די זון
און
געפלאַצט

און ער בלוטיקט.
אײַ־אײַ אַזאַ שאָד:
גאָטס ברכה אַוועק איז לאיבוד...

און דו
אַדאָרט אין די הייכן
וועסט וואַרטן אויף ליב און אויף לויב.
כבוד
וועסט זוכן אַרום און אַרומעט
און וועסט ניט געפינען
קענסטו דאָרט אויסגיין פון אומעט
קענסטו אַראָפּ דאָרט פון זינען:
ג אָ ר נ י ש ט
פון דעם איז געוואָרן
ווען מיך
פון דײַן אויג האָסט פאַרלאָרן...

ווּנדער איבער ווּנדער

האָסטו אַמאָל געזען אַזאַ מין ווּנדער?
צוויי
רעגן־טראָפּנס אויף אַ שויב
קײַקלען זיך
באַזונדער,
באַגעגנט זיך
בײַם שיִער־אַרונטער
פּלאַצן
איינס אין אַנדערן אַרײַן
און
גייען אונטער.

פרישטיק

בײַם רונדן טיש
זי אַנטקעגן אים.

צווײ גלעזלעך מאַראַנצן־זאַפט
פֿאַר אים,
פֿאַר איר.

ער אַ זופּ,
זי אַ זופּ,
בײַטן זיך מיט גלעזלעך,
טרינקען, טרינקען ביזן דנאָ־אַרויף.

אַ פּענעצל צוגעברוינטע ברויט
ער צעהאַלבט,
פֿאַמעלעכקע פֿון האַנט זײַנער זי נעמט,
פֿאַוואָלינקע די פֿינגער אירע
קלינגען אָן אין זײַנע.
קעזן, מאַרמעלאַדן אויפֿן טיש
זיך ווינקען איבער.

מיט אויגן
אַ ביסעלע פֿאַרזשמורעט
זײ ציִען טיף אין זיך אַרײַן
אַראָמאַט פֿון הייסער קאַווע.

פּאַנטאָפֿל אירע אונטער טיש
שפּילן זיך מיט זײַנע.

און אַ שמייכל איז געווען

דײַן בריוו — — —
און אַ שטילקייט אין מײַן הויז געווען
אַ גאַנצן טאָג.

אויף די ליפּן כ'האָב געפילט
די פּאַרטיפטע שטילקייט.

כ'האָב אַ פּיפּס ניט געטאָן דעם גאַנצן טאָג
ס'זאָל אויף איר אַ דינסטער קלאַנג ניט פאַלן.

און אַ קלוגשאַפט איז געווען
אין דער גוטער שטילקייט.

און אַ שמייכל כ'האָב געזען
אין דער קלוגער שטילקייט.

און איך האָב זיך אין איר געוויקלט
ווי אין מײַן מאַמעס
וואַרעמער
טערקישער שאַל
אַ גאַנצן טאָג.

טוב מאוד

— — — האָט מיך דײַן האַנט געטאָן אַ שלײַדער —
מיט ווילדן אימפּעט
אַזאַ שלײַדער!

איך האָב געשוועבט —
דורך מיליאָנען יאָרן געשוועבט, געשוועבט,
געפאַלן —
אַרײַנגעפאַלן כ׳בין
אין סוף פון
ערשטן
זעקסטן טאָג.

ס׳האָט געווידערט נאָך
דער ווידערקול פון „טוב מאוד".
רונד אַרום מיר
זון־קאָליריק, פיל־קאָליריק:
„טוב מאוד"
אַלע „כּי טוב"ס אײַנגענומען
האָט דער „טוב מאוד".

באַלד
איך האָב זיך אויפגעהויבן, אויסגעגלײַכט,
געשטעלט זיך אויף די פיס
און שוין
דעם ערשטן טראָט
צוריק
צו דיר געשטעלט.

דער שליסל

צום אַעראָפּאָרט באַלייט און
איך גיי צוריק.
לאַנג איז מיר דער וועג.

אומגעדולדיק איז מײַן שפּאַן און אײַלט
צו עפּעס אַ געהיים:
אַוודאי איז אַ סימן דאָרט פון אים פאַרבליבן.
ס'פּראַוועט דאָרט זיך עפּעס אין מײַן שטילער היים.

אין מאַנטל־קעשענע
האַלדזן זיך די פינגער מיט מײַן שליסל:
אַז וויל איז מיר —
איך פאַרמאָג אַ שליסל צו אַ טיר.

מיט וואַרעמקייט פון האַנט
יאָגט צו טיר דער שליסל,
אַ דריי אויף לינקס
און איך שפּאַן די שוועל אַריבער,
שטעל דרײַ קווענקלענדיקע טריט פאָרויס.

פּאַר מײַנע זשעדנע אויגן שפּילט זיך אָפּ
זײַן לעצטער זשעסט:
צוויי פינגער
אין אַש־טעצל צערײַבן
אַ ניט דעררייכערט שטיקל פּאַפּיראָס
ס'זאָל אַ פינקעלע אַ לעבעדיקס
ניט בלײַבן...

לאַנג איך קען פון מאַנטל ניט אַרויס,
און לאַנג
ליגט אין האַנט ביי מיר
אַ קאַלטער שליסל.

אַ שפּאַן אין נײַעם יאָר

טעג זענען שטיפּערלעך:
איינס נאָך איינס זיי יאָגן זיך אַרײַן —
ניט פּאַרשפּעטיקט אויף אַ האָר —
טוען שפּיצלעך אָפּ
און לויפן זיך באַהאַלטן
אין די פּאָלעס פונעם נײַעם יאָר.

אָט קוק נאָר די קונדסים אָן.
זע ווי שטיפעריש זיי שמייכלען
דורך די פענצטער —
דורך די טירן־שפּאַלטן:
מיר טרעפן ווידער זיך
בעזרת־השם
דרײַ הונדערט פינף און זעכציק מאָל
אין קײַלעכדיקן יאָר,
אָפּשפּיצלען די שפּיצלעך אונדזערע
און זיך באַהאַלטן
נאָך דעם
ווידער צו דיר שמייכלען
דורך די פענצטער־טירן־שפּאַלטן.

קיין תּרעומות, ליבע לצים.

אַוודאי ווייס איך

דער משוגע־לאַכנדיקער
מיינט
איך ווייס ניט
אַז
ער האַלט זיך בײַ די זײַטן,
פּלאַצט פון געלעכטער
הינטער
מײַנע פּלייצעס...

שיין ווי די וועלט

דו בעטסט מיך
דיר שיקן אַ בילדל.
איך האָב ניט.
זיך לאַנג שוין,
לאַנג ניט געבילדלט.
נאָר גלייב —
גלייב אויפן וואָרט מיר:
כ'בין שיין —
שיין ווי די וועלט.

„יהי אור"
און ליכט איז געוואָרן.
נאָר „חושך"
געווען איז אַפריִער
און פינצטערט עד־היום פאַרטײַעט
אין תוהו,
וואַרט אָפּ,
רײַסט זיך
אַדורך
און באַווײַזט זיך
און פינצטערט די וועלט.
פאַרפינצטערט די ליכטיקע וועלט.

און איך
בין שיין ווי די וועלט...

ציטער

פֿאַראַן אַ ציטער וואָס
פֿון שרעק

פֿאַראַן אַ ציטער וואָס
פֿון תּענוג

ביידע ציטערס ציטערן
אין מיר
גלײַכצײַטיק

ביידע מיך פֿאַרציטערן
די ציטערס

מייַנסגלייַכן

אין מנין פון מייַנסגלייַכן
זיך אַליין דאָרט זע איך ניט.
נאָר סאָפּענעו און פרייַכן
אין מנין פון מייַנסגלייַכן,
אַ שאַרן פיס און שלייַכן.
בין איך אויכעט אין דער מיט
אין מנין פון מייַנסגלייַכן?
זיך אַליין דאָרט זע איך ניט...

דאָרפיש

נאַסטורציעס

איך האָב נאַסטורציעס פאַרפלאַנצט אין גערטל.

קאָליריק פלאַטערדיקע דינקייט —
בוזעם־פריַינד מיַינע פון דעמאָלט ווען
כ'בין געווען
אַ גאָרנישטל אַ שעמעוודיקס אין דאָרף,
און צוגעשמייכלט האָבן זיי
צו אַלע מיַינע קינדערייַען.

מיר טרעפן זיך ווידער, זיסינקע נאָזקיצלערס,
איידלקייט פון פראָסטן בלומענשטאַם.

איך בין אין אייַך געראָטן:
אַ שפּראָצל
פון וואָלינער ערד און קאָרן־ברויט אַרויס.

און דער ברונעם? פליוק, פליוק

אַ לאַנגער טיש אין גרויסן זאַל
און אַ ספר אָפן.
עלנבויגן אויפן טיש,
רוט מײַן זיידנס שיינער קאָפּ
אין זײַן לינקער דלאָניע.
די רעכטע האַנט
אַרום דעם גאָלדגעלייש
צוקאָפּנס פונעם ספר.
די אויגן זײַנע לויפן איבער ווערטער,
איבער שורות.

אַלע פענצטער אָפן צו די גיטער
וווּ ס'באַלעבאַטעווען די זין
און די איידעמלעך אויף קעסט — די גוטע קעפּלעך
פירן זײַנע ביכער.
טוט אַ פרומען קרעכצעלע דער זיידע:
ברוך־השם אי תּורה אי פּרנסה.

וואָס זשע הערט מײַן זיידע דורכן פענצטער?
וואָס פאַרפּלאָנטערט אים אַ שורה?

הענער קרייען, הינער קוואָקען,
גענדזלעך גראַגען, קאַטשקעס קוואַקען,
קעלבל מוקעט, לאָשעק פריכעט,
פערדל מיטן קאָפּ פאַרריסן
הירזשעט, הירזשעט.
און ביַים זײַט אין הויף דער ברונעם —
פליוק, פליוק.
טוט אַ זיפצעלע דער זיידע:

יעדער אויף זײַן לשון
גיט אָפּ לויב דעם בורא־עולם.

וואָס זשע זעט מײַן זיידע דורכן פענצטער?
וואָס ציט זײַן אויג
פון ספר הייליקן אַוועק?

אַ יאַלעווקע בײַם פלויטל מעלה־גירהט,
פערד בײַ קאָרעטעס פאַרכליניעט,
קי מעוברתע מיט מאָרדעס אין די סטויגן,
טעכטער מעוברתע,
שנירן מעוברתע
שפּאַנען ווי די פּאַוועס מיט בײַכער זייערע פאָרויס
און אייניקלעך
מיט טריטלעך גיכע, דראָבנע
לויפן נאָך.

ייִנגליש
טוט קוים אַ שמייכעלע דער זיידע:
אַז ניט פאַרשטערט זאָל דאָס מיר ווערן,
טאַטע זיסער.
און באַלד צוריק
גלעט זײַן בליק
ווערטער אינעם ספר.

און בײַם זײַט אין הויף דער ברונעם:
פליוק,
פליוק.

איך ווייס ניט ווי מען זאָגט דאָס

פאַר צילה און דן אייכנגרין

ס'איז אין שטעטעלע נאָך נעילה.
מיט טריט מיושבדיקע שטילע
גייען ייִדן פונעם שולכל
אַיעדער צו זײַן היים.

צום אָפּפּאַסטן
די טישן שטייען גרייט.
צו ערשט
אַ גלעזל טיי, אַ האָניק־קיכעלע
טראָגן פינגער איידל צו צום מויל.

שווײַגעדיק און אומעטיק די ייִשובניקעס.
שמייכל זאָגט :
גוט צו זײַן אין שטעטעלע מיט ייִדן.
שמייכל ענטפערט :
גוט נאָר ענג.
דערלעבן „באַראַיאָר" און ווידער קומען
יום־טובן צווישן ייִדן.

שטעטעלע איז בליצלאָמפּיק באַלויכטן.
פון אַן אָפן פענצטער
ציט אַ דינער ניגון,
פון אַ צווייטן
טאַנצט אַ פידעלע אַ חיות —
דאָרט שפּילט דאָס זײַדן איידעמל רב שיִעס.

זאָרג פאַרשמעלט מײַן טאַטנס אויגן :
דאָ — ליכט און היימישקייט אין אַלע פענצטער,

אין דאָרף
נאָר צוגעמאַכטע לאָדן...

ריטעם פון טלאָען,
גלעקלעך אַרום העלדזער פון
די גלאַטע קאַרע פערד:
אָנגעקומען איז דער קוטשער מיטן אויסגעבעטן וואָגן
און דאָס גאַנצע שטעטל ווייסט אַז
ס׳פּאָרן שוין די חפצעס צוריק אין דאָרף.

— וויאָ, קאַריע! טוט קוזמאַ אַ צי די לייצעס,
ראַפּטעם טוט דער וואָגן זיך אַ ריר.
פעלדער האַרבסטיקע קומען אָן אַנטקעגן.
סטערנע שטעכלט דורך די פינצטער:
די תבואה איז אין שייַער.
טאַטע טוט אַ זיפץ.
מאַמע:
ניט פאַרזינדיקן, אָ גאָט געטרייַער.

שאַרף איז די נאַכטיקע לופט
און שלעפערט די קינדער אין וואָגן.
מאַמע טוט אַ גלעט די קינדער־בעקלעך:
אָט איז שוין קאָזלאָווסקיס הויף,
נאָך אַ ווייַלע
און איר ליגט שוין אין די בעטלעך.

קאָזלאָווסקי איז אַ בייזער פּריץ.
אַליין אַ קליינער און אַ קרומער אויף אַ פוס
איז אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט האָט
געווען פון שיינעם גרויסן סאָרט:
דאָס ווייַב — אַ הויכע און אַ שטאַלטנע,

קי — פעטע, פערד — גרויסע, ספּריטנע,
הינט ווי לייבן
און איבער גרויסן הויף אַרומגעשפּאַנט
האָבן אינדיקעס באַקרעלטע און הענער גאַלאַגאַנסקע.
און קוסטן און בלומען אַלערליי
אין אַרומגעצוימטע גערטלעך.
געווען דער הויף באַוואָרנט מיט אַ הויכן פּאַרקן,
טויערן מיט אײַזן־פּרענטן
און אַלץ געווען איז אונטער שווערע שלעסער,
נאָר פאַרצוימען אַראָמאַט פון בלומען זעלטענע
האָט דער פּריץ ניט געקענט...

אַ ריח אַ מאָדנער,
עפּעס אַ ווײַטער, אַ נאָענטער
האָט ס'נעזל געטאָן מיר אַ צופּ,
אויפגעריסן מיר דאָס מויל,
אַרײַנגעיאָגט זיך אין מײַן האַרצן,
עפּעס דאָרט געטאָן אַ ריִע און
נישטאָ!
כ'ציִ די לופט אין זיך אַרײַן,
ס'צוקן מײַנע קליינע פינגער אין דער לופטן,
ס'נורעט זיך מײַן נאָז אין וואָגן:
ס'זוכט דעם ריח.
איך דאַרף עס!
ס'איז מײַן!
נישטאָ.

טאַטע טוט אַ שוועבעלע אַ רײַב,
צינדט אָן לאָמפּן.
מאַמע נעמט די קינדער לייגן אין די בעטן.
איך באַשמעק דער מאַמעס הענט, די אַרבל,

איך שמעק די קישן און די קאָלדרע
און ווער אַנטשלאָפֿן.

ריח האָט אַ פּנים.
ריח האָט אַ האַלבן פּנים.
ריח האָט אַ מויל.
איך זוך דעם אָטעם פונעם מויל.
איך בענק!

איך גיי אַרום און שמעק די לופט,
באַשמעק דאָס ברויט, די פּוטער און דעם קעז,
די טעלער און די לעפל.
איך הער אויף עסן.
איך גיי איַין.

טאַטע נעמט מיך אויף די קני:
— וואָסי, טאָכטער?
— כ'ווייס ניט.
— וווּ טוט דיר וויי? וויַיז מיר.
— כ'ווייס ניט,
איך ווייס ניט ווי מע זאָגט דאָס.
כ'נורע איַין מיַין פּנים אין זיַין בוזעם און פאַרגיי זיך.

מען פירט מיך צום טשערנאָבילער.
דער רבי קוקט אַ וויַילינקע
גלייַך צו מיר אין פּנים.
זיַינע אויגן זענען גוט אויף מיַין פּנים.
דער רבי טוט אַ גלעט מיַין באַק.
זיַין האַנט איז גוט אויף מיַין באַק.
איך באַשמעק זיַין אַרבל.
כ'שמעק דעם מאַנקעט פון זיַין וויַיסן העמד.

אַ זאַכעלע אַ שיינס מיר גיט דער רבי —
„אַ קמיע" זאָגט ער.
איך כאַפּ אַראָפּ דאָס שיינע וואָרט פון זײַנע ליפּן
און שטילערהייט איך זאָג
„קמיעלע".
כ'האָב זייער ליב קמיעלע.
מע טוט זי מיר אָן אויפן האַלדז.
זי וואַרעמט זיך אין מײַן האַנט.
איך נעם זי צו די ליפּן
און גלעט מיט איר די באַק.

אַזאַ הונגער אויף מיר !
איך שלינג אײַן אַלץ וואָס מען דערלאַנגט
און לעק אויס דעם טעלער.

איך הער מען זאָגט :
פריִער גאָט
און נאָך דעם אונדזער רבי.

אָ, מײַן דאָרף,
צי לאָזט זיך דען עפּעס אין גאַנצן פאַרגעסן ?
מײַן דאָרף פון יענער זײַט לענדער און ימען,
אַ צווײַגל, אַ גרעזל, אַ ווינטל,
אַ בליץ און אַ רעגן
טוט אַלץ מיך אָן דיר זיך דערמאָנען :

פיר צענדליק יאָר שוין פון דעמאָלט,
אין לאַנד
ווו סע פאַקלט דער ליכטיקער רוף אַנטקעגן
די שיפן וואָס ציִען צו פרײַנדלעכע ברעגן.

איך בין דאָ צוגעאײַגנט און זאָג
„דאָ איז מײַן הײם".

אַ האַרבסטיקער פאַרנאַכט —
דער ערשטער אין אַ נײַער דירה:
אַ שײנע גאַס מיט קוסטן און מיט בײמער
און אַ גערטעלע בײַם הויז.

איך טו אַן עפן ברײט
צום גערטעלע אַ פענצטער —
אײַ!!!
אַ ריח אַ ווײַטער, אַ שאַרפער
אַרײַנגעשניטן זיך אין נאָז
און אין האַלדז מיר,
פאַרכאַפּט מיר דעם אָטעם —

פאַרחלשט
בלײַבט ליגן מײַן קאָפּ
אין אָפענעם פענצטער...

ריח האָט אַ פּנים.
ריח האָט אַ האַלבן פּנים.
ריח האָט מײַן אָטעם — — — —

רבי,
לײג אין האַנט אַרײַן מיר אַ קמיע:
איצט ווײס איך שוין דעם נאָמען פון
אַזוי פיל זאַכן
נאָר איך ווײס ניט ווי מען זאָגט דאָס —
איך ווײס נאָך אַלץ ניט
ווי מע זאָגט דאָס...

די באָבע האָט געשאָלטן

שרײַבט דער גבאי פון טשערנאָביל:
דער רבי זאָל לעבן פאָרט אַרויס אם־ירצה־השם
דינסטיק.
שבת האַלטן, מיט דער הילף פון יוד־קיי־וואָוו־קיי
בײַ אײַך אין כײַטשע־גדולה,
נאָך שבת, מיטן אייבערשטנס ווילן,
קיין װעלעדניק.

איבערגעלייענט דאָס קורצע בריוועלע,
צעשטראַלט זיך מײַן זיידע,
לאָזט זיך שפּאַנען איבערן גרויסן זאַל
הין און צוריק,
די הענט פאַרלייגט אויף הינטן,
פינגער אין פינגער פאַרפלאָכטן,
בלײַבט שטיין,
טוט אַן עפן די טיר און רופט:
ברכה!

מײַן קליינע באָבע באַווײַזט זיך אין דער אָפענער טיר:
וואָסי, דוד?
מיט יִראה און אײַנגעהאַלטענער פרייד
רעדט דער זיידע:
דער רבי זאָל לעבן קומט.
מאַך שבת
כּיד־המלך.
ס׳וועלן זײַן עטלעכע פורן קיין עין־הרע.

די באָבע שווײַגט אַ ווײַלינקע.
אירע בלאָע אויגן

קוקן ליב אַרויף צום הויכן זיידן,
שמייכלט פרום:
נו, אַ דאַנק דעם וואָס לעבט אייביק.
ברוך־השם, ס'פעלט ניט.

דאָנערשטיק גאַנץ פרי
אַוועק אַ פור אין שטעטעלע נאַרינסק,
צוריקגעקומען מיט אַל־דאָס־גוטס געלאָדן.
פעק און פעק און פעקעלעך באַלאַגערן
מײַן באָבעס גרויסע קיך.
טעפּ קופּערנע און ערדענע
רוקן זיך פון פּאָליצעס אַרויס.
זאַלצברעטלעך און קאַטשלקעס, מעסערס און פּאַלאָניקעס
צעלייגן זיך אויף טישן און אויף בענק.
צו וואָס דער באָבעס האַנט נאָר רירט זיך צו,
שעפּטשעט זי: „לכּבוד שבת".
דאָס מיידל אין ווײַסן פּאַרטעכל שטייט גרייט
אויפצוכאַפּן דער בעל־הביתטעס מינדסטן באַפעל:
„זײַ זיך מטריח, חנה־קרוין,
זײַ, חנה, אַזוי גוט."

אַרײַן אין קיך אַ פּאַרעניש,
פון עמער זינגט אַ פּליושקעניש,
און גערייד — אַ שושקעניש.

דאָס קליינוואַרג —
דערשפּירט אַז עפּעס פּראַוועט זיך אין זיידנס הויז.
זיי ציט די קיך.
ריח פון פריש געבעקס קיצלט די נעזלעך.
זיי קוקן און באַקוקן:
אַ חידוש ווי ס'זיפּט דאָס זאַלץ זיך

דורך חנהס פינגער איבער פליישן, איבער הינער,
ווי שיין ס׳גליטשט זיך די קאַטשלקע
איבער געלן לאָקשנטייג.
זיי זענען אונטער עלנבויגנס,
זיי פלאָנטערן זיך אונטער פיס,
ביז
גאָר אומגעריכט
צענעמט מײַן גוטינקע באָבע די הענט און
האַסטיק טוט אַ זאָג:
אוי, געזונט זאָלט איר זײַן, קינדערלעך!

דערשראָקענע, אַלע ווי איינע,
זיי יאָגן זיך פון קיך אַרויס,
אָן אָטעם לויפן צו דער מאַמע מיט געוויין.
מאַמע מאַכט אַן ערנסט פנים:
וואָס איז?
„די באָבע — שטאַמלען זיי אַרויס —
איז בייז, אין כּעס.
זי האָט געשאָלטן״.
מאַמע כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ:
„אוי, וויי, געשאָלטן?
וואָס האָט זי געזאָגט?״
זיי צענעמען די הענטלעך פונקט ווי די באָבע האָט געטאָן
און כליפען אַרויס:
„געזונט זאָלט איר זײַן, קינדערלעך!״

דאָרשט

קאַראָמיסל,
נעם אַליין די עמערס,
גיי צום אַלטן ברונעם,
שעפּ אָן מים חיים
און לאָז זיך גיין דעם לאַנגן וועג.
ס׳וועלן טראָפּנס
פון די פולע עמערס —
ביז די ראַנדן פולע עמערס
צייכענען אין שטויב דעם וועג צו מיר.

קאַראָמיסל,
איך וועל צופאַלן
נאָר ניט זשליאָקען פון די עמערס.
כ׳וועל לאָזן נאָר אַ טראָפּעלע
פאַלן אויף מײַן צונג —
אַ טראָפּל אויפן שפּיץ פון צונג
און שטילערהייט אַ ברכה מאַכן.
קניִען כ׳וועל פאַר דיר
און בענטשן פרום דעם ברונעם און די עמערס.
קען זײַן
כ׳וועל וויינען
און אין געוויין זיך שטאַרקן
און אפשר זיך דערוועגן
אַ שפּיגל טאָן מײַן פּנים
אין אַן עמער.

די ליפּע

„טאַטע, האָט אונדזער ליפּע אַ נשמה?״

„אפשר, טאַכטער, אפשר״.

„טאַטע, איז אונדזער ליפּע אַ מאַן אָדער אַ ווײַב? אַ מאָל זאָגסטו ,די ליפּע׳ און אַ מאָל ,דער ליפּעבוים׳.״

„ביידע צוזאַמען, טאָכטער״, און ער טוט אַ פֿיר אַ פֿינגער איבער זײַן וואַנגע און גיך שפּאַנט אַוועק.

די ליפּע איז אַרײַן אין מײַן לעבן איך זאָל זי פֿילן אין זיך און אַרום זיך, זיך אײַנהערן צו איר ווי זי וואָלט געווען אַ לעבעדיקע מיט אַ נשמה, איז געווען אין איינער אַ מיט־זומער נאַכט: אַ נאַכט מיט מוראדיקע דונערן און בליצן. דאָס גאַנצע הויז האָט אויפגעטרייסלט און דאָס הויזגעזינד פֿון די בעטן אַרויסגעיאָגט. מײַן טאַטע מיט דער מאַמען זענען אַרומגעלאָפֿן איבער די חדרים, פֿאַרמאַכט פֿענצטער און פֿאַרהאַקט די לאָדן, נאָר ס׳האָט ניט געהאָלפֿן. דאָס הויז האָט געציטערט און דורך די לאָדן־שפּאַלטן האָבן זיך אַרײַנגעשניטן פֿײַערדיקע שווערדן, ברענענדיקע סערפּן און קאָסעס. טאַטע־מאַמע זענען געלאָפֿן פֿון בעטל צו בעטל, צוזאַמענגעקליבן די קינדערלעך, זיי אַלע צוזאַמענגעשאַרט אין איין בלינדן, שטומען ווינקל פֿון הויז אַזוי ווי מען שאַרט צוזאַמען אַ צעשאָטן פֿאַרמעגן. מיר האָבן זיך געטוליעט ווער צום טאַטן און ווער צו דער מאַמען, געזוכט זייערע בליצן־באַגאָסענע אויגן און געציטערט בײַ זייערע קני.

די מאַמע האָט מיך אויפגעהויבן ביז איר אַקסל און פּאַטשנדיק מאַמיש־לײַכט איבער מײַן פּלייצקע האָט זי אַרײַנגעשושקעט דעם טאַטן אין אויער: „די ליפּע בליט.״

די שיינע ווערטער „די ליפּע בליט״ האָבן זיך געטאָן אַ קײַקל, אַ קוליע אין מײַן קעפּל אַזוי ווי אַ שיינער באַלעם מיט קאָלירטע שטרײַפֿן און מיך אײַנגעשלעפֿערט.

אין דער פרי איז מיר געווען אַ גוטע געשמאַקע זיסקייט אַרום הערצל: די לאַדנס, די פענצטער אָפן. די אַקאַציע האָט אַרײַנגעשמעקט מיט עפּעס אַ שאַרפער באַטעמטקייט און געוועקט אין מיר אַ טיפע פרייד. מאַשאַ „דאָס מיידל" איז אַרײַן מיך אָנצוטאָן און געבן אָנבײַסן. איך טו אַ שפרינג אויף איר און רוים אין אויער איר אַרײַן אַ בשׂורה־טובה „די ליפּע בליט".

„ניין" האָט געזאָגט מאַשאַ. „די ליפּע האָט זיך שוין צעבליט. קום און זע". און זי פירט מיך צו צום פענצטער וואָס צום הויף און איך זע:

די ליפּע איז אין גאַנצן אָפּגעשאָטן געדיכט מיט קליינע ווײַסע בלימעלעך אַזוי ווי דער פיליגראַן אין אונדזער בשׂמים־ביקסל — אונדזער הדסל. אַ סך, אַ סך פויערטעס פון דאַרף זענען געשטאַנען אַרום בוים פרימאַרגנדיק שטיל און פאַמעלעך אָפּגעבראָכן קלייניקע צווײַגעלעך בליִעכץ און פאַרזיכטיק געלייגט אין די פאַרטעכער אַרײַן.

אָ, דאָס קינדישע שטוינען וואָס בעט אַ מעשׂהלע ביזן סוף!
און מאַשאַ הייבט אָן:
„דו עס און איך וועל דערציילן:

גאָט האָט געמאַכט די ליפּע זי זאָל דאָס אָרעמע פאָלק פון די דערפער היילן, ווײַל גאָט איז אַ גוטער. ס'איז אָבער פאַראַן אויך אַ ניטגוטער".

„אַ ניטגוטער?" שטופּ איך אַוועק דאָס לעפל פון די ליפּן.

„יאָ אַ ניטגוטער וואָס וויל ניט די ליפּע זאָל בליִען. אַז סע קומט די בליצײַט מאַכט דער ניטגוטער שרעקלעכע דונערן און בליצן, טרייסלט זי און שלאָגט זי מיט אירע אייגענע צווײַגן זי זאָל ניט קענען בליִען.

זעט דאָס דער גוטער און שטאַרקט די ליפּע איבערן ניטגוטן און צעבליט די בליטן.

„די פויערטעס טריקענען אויס די בליִעכצן
און זיי רופן דאָס ,ליפּאָווע צוויט'

באַהאַלטן דאָס פֿאַר אַ שלאַפֿקייט, גאָט באַהיט,
פֿאַרקאָכן און טרינקען אַזוי ווי טיי
דאָס איז זיי צו רפֿואה אַ קיילעכדיק יאָר
פֿאַר אַלץ וואָס טוט זיי וויי.״

אָט אַזוי איז די ליפּע אַרײַן אין מײַן מוח און אין מײַן האַרצן און איך טראָג זי נאָך עד־היום.

ביאָגראַפישער בריוו

נאָך דעם ווי דו האָסט אַלע מײַנע ביכער געלייענט, מײַנע לידער איבערזעצט בעסטטו איך זאָל דיר עפּעס דערציילן וועגן זיך. און איך האָב געמיינט אַז מײַן ליד איז איך.
ווילסטו וויסן ווען ליד איז געקומען צו מיר, ווער, וואָס האָט משפּיע געווען מײַן ליד; פֿאַר וואָס איך שרײַב ווי איך שרײַב און נאָך.
נו גוט. איך וועל פּרובירן — קורץ, לויפנדיק און שפּרינגענ־דיק איבער יאָרן און געשעענישן.

פֿון מײַן גאָר פֿריִער קינדהייט האָב איך געהאַט מער פּראָבלעמען ווי די אַנדערע קינדער אין מײַן משפּחה. בײַ מײַנע עלטערן (דער דריטער דור פּאָסעסאָרן) בין איך דאָס צווייטע פֿון אַכט קינ־דער. דאָס ערשטע אַ ייִנגל. מײַן שוועסטערל וואָס איז מיט צוויי יאָר ייִנגער פֿון מיר, קליגער פֿון מיר, נאָר אין געזונט איז זי געווען שוואַך און אָפֿט געקרענקט. אַלע האָבן זי ליב געהאַט, זי געפּיעשטשעט און איר פֿאַרלאָפֿן דעם וועג. איך בין געוואָקסן ווי אַ ווילדער קרײַטעכץ. דערפֿאַר האָב איך ניט געוואָלט קיי־נעם ליב האָבן. איך האָב ניט געוואָלט ריידן ווי זיי ריידן און ניט גיין סטאַטעטשנע ווי מע האָט מיך געלערנט. איך האָב אַפֿילו גענומען גלייבן אַז איך געהער אין גאַנצן ניט צו אָט דער משפּחה. זיי האָבן מיך אַוודאי ערגעץ געפֿונען און לאָזן מיך עסן בײַ זייער טיש. אפֿשר בין איך גאָר פֿון דער פֿויגל־משפּחה, דערפֿאַר פֿלי איך, שפּרינג איך און קאַטשע זיך אין גראָז.

איבער אונדזער דאַך האָט אַ סאָווע זיך געמאַכט איר נעסט. זי האָט געזאָגט „פּוהו" און איך האָב געענטפֿערט „הופּו". דער בושל האָט זײַן נעסט געמאַכט איבער אונדזער שײַער און האָט געזאָגט „קלאַ קלאַ" און איך האָב געענטפֿערט „לאַק לאַק". כ׳פֿלעגט זיך אָפֿט באַהאַלטן צווישן הויכע גערשטן זאַנגען און

זיך איַינהערן ווי זיי ריידן מיטן ווינטעלע: ציש ציש האָבן זיי געזאָגט, צישאַ אָדער זיוו, זיוו. און איך האָב געזאָגט „וויז וויז".

מיר איז שטאַרק געפעלן וואָס די שטוביקע הייבן ניט אָן צו וויסן וואָס איך זאָג.

אַז די מאַמע האָט געזאָגט „וואַש זיך אָפּ דאָס פּנים" האָב איך געענטפערט „זיוו זיוו", „פאַרקעם די האָר" האָב איך געזאָגט „קלאַ קלאַ" אָדער „הופּו". איין מאָל האָב איך גע־הערט ווי די מאַמע שושקעט דעם טאַטן אין אויער „וואָס איז מיטן קינד" און איך האָב שטילינקערהייט אין זיך געלאַכט: זיי פאַרשטייען גאָרנישט קיין אמת ריכטיקע ווערטער.

מיַינע עלטערן האָבן געהאַלטן פּריוואַטע לערער וואָס האָבן געוווינט ביַי אונדז דורך די לערן־זמנים. זיי האָבן מיט אונדז געלערנט: העברעיִש, ייִדיש, רוסיש, אויך געאָגראַפיע, געשיכטע און נאָך. קיין נחת האָבן די לערער פון מיר ניט געהאַט. איך בין קיין מאָל ניט געווען אין ציַיט צו די לעקציעס. מע האָט געדאַרפט עמעצן אַרויסשיקן מיך זוכן אין פעלד, אין גאָרטן, אין סאָד און אַפילו אין די שטאַלן. דאָך האָב איך זייער גיך זיך אויסגעלערנט לייענען און שריַיבן ייִדיש און רוסיש. באַלד האָב איך גענומען שריַיבן איבער די ווענט, אויף טישטעכער. — ווו נאָר איך האָב געזען אַ מעגלעכקייט, דאָרט האָב איך גע־שריבן. מיַין ערשט ליד שריַיב איך אַזוי:

קלאַ קלו קלו
הופּו הופּו
ציש ציש, זיוו זיוו מו
לאַק לאַק קלו.

די מאַמע האָט דאָס געפונען. זי וויַיזט דאָס דעם טאַטן. דער טאַטע לייענט דאָס און שמייכלט: לאָז זי צו רו. דאָס איז איר

אייגענע שפּראַך וואָס מיר פאַרשטייען ניט. (מײַן טאַטע האָט קבלהדיק אויך געזוכט סוד פון ווערטער). איך בין אַרויסגעלאָפן פון הויז אַ דערפרייטע: אפשר איז ער טאַקע מײַן אמתער טאַטע... איך האָב זיך געלאָזט לויפן צום סאָד אין דאָלינע. כ'בין ניט געגאַנגען דורכן אָפענעם טויער. איך האָב געקלעטערט ביז צו דער הייך פון פלויט, צעריסן דאָס קליידעלע, זיך אַריבערגעוואָרפן אויף דער צווייטער זײַט און גענומען זיך קאַטשען אונטערן עפלבוים. די עפל זענען געפאַלן און געמאַכט „סאָף סאָף סאָף" אין גראָז און ס'ווערט אַ ליד:

עפל רויט אין גרינעם גראָז
איר קיצלט מיר די נאָז.
איר האָט מיך ליב. איך האָב אײַך ליב
האָף האָף און סאָף.

מײַן צונאָמען איז געווען „סינאַי" (היי) ווײַל מײַנע האָר זענען געווען טאַקע ווי אַ סטויג היי. אייניקע האָבן געזאָגט: ווען זי וואָלט זיך צוגעקעמט די האָר וואָלט זי אפשר געווען ניט קיין מיאוס מיידעלע.

אין דער רוסישער שקאָלע (שול) אין נאָענטן שטעטל נאָרינסק (וואָלין). איך בין טאַקע ניט קיין קראַסאַוויצע אָבער איך קען מאַכן גראַמען צוגעפּאַסט צו יעדן תּלמיד. די לערערין האָט זיך געבייזערט אָבער די תּלמידים האָבן מיך אונטערגעקויפט איך זאָל זיי ניט באַגראַמען.

ביכער! לייענען ביכער! אַ סך ביכער! די ביבליאָטעקאַרשע — אַן „אינטעליגענטקע" קען מיך שוין. זי האַלט אַן אויג אויף מיר. זי מיינט אַז זי דאַרף קאָנטראָלירן מײַן לייענען. זי איז זיכער אַז איך בין נאָך צו יונג צו לייענען אַלץ וואָס מיר ווילט זיך. טאָלסטאָי — יאָ. דאָסטאָיעווסקי — ניין. אָבער איך האָב געפּאַקט דאָסטאָיעווסקי. איך לייען און ציטער ממש. איך הער

ניט אויף זיך צו חידושן: ווי אַזוי ווייסט דאָסטאָיעווסקי אַזוי פיל וועגן אַזוי פיל מענטשן? פון וואַנען קען ער אַזוי פיל מענטשן? אוי וואָס מיר דרייט זיך אין קאָפּ! — זענען גוטע מענטשן אויך שלעכטע מענטשן? וויפל מענטשן קען איין מענטש זײַן? בין איך אַ סך מענטשן? קען איך אויך טאָן שלעכטס צו מענטשן?

אין קלאַס. איך פאַרשטעל מיט דער לינקער האַנט מײַן העפט און שרײַב אין רוסיש מיט יִדישע אותיות:

אויב איך בין דו
ביסטו איך?
אויב איך בין איך
בין איך אויך דו?
דו, דו,
זאָג ווער בין איך —
זיוו, זיוו
פּו הו.

די לערערין כאַפּט אַרויס דאָס זײַטל פּאַפּיר פון מײַן העפט און צעשרײַט זיך:

וואָס איז דאָס פאַר אַ שרײַבעכץ?! מיט אַזעלכע ווילדקייטן פאַרנעמסטו זיך אין קלאַס?! איך ציטער און זאָג: דאָס איז דאָס שרײַבן וואָס מען שרײַבט בײַ מיר אין דער היים. די לערע־רין אַן אויפגערעגטע הייבט אויף דאָס שטיקל פּאַפּיר אַז דער גאַנצער קלאַס זאָל דאָס זען: „קען עמעצער פון אײַך לייענען אָט דאָס ליד?" דער גאַנצער קלאַס פאַרגייט זיך אין געלעכטער: האָ האָ האָ און האַ האַ האַ!

אַ טאָג פריִער האָבן מיר געדאַרפט זיך אויסלערנען פון אַ כרעסטאָמאַטיע אַ האַרבסט־ליד אויף אויסנווייניק: וועגן האַרבסט־אומעט: די בלעטער פאַלן טויטע, אַלע בלומען אָפּגע־

בליטע און פֿאַרוועלקטע, אַלעביימער טרויעריק פֿאַרטראַכטע. הײַנט דאַרפֿן מיר שרײַבן אייגענע האַרבסט־לידער וועדליק דעם פּלאַן פֿון נעכטיקן ליד. דער לערער סאָלאָגוב קוקט אַרײַן אין אַ בוך. דער קלאַס קוקט אויף די ווענט און בײַסט די בלײַערס. איך שרײַב:

גאָט האָט ליב דעם האַרבסט
האַרבסט האָט ליב גאָט.
אַלע ביימער זענען פֿריידיק אין גאָט.
זיי וואַרפֿן אַראָפּ די בלעטער,
זיי טוען זיך אויס כּדי
צו טאַנצן נאַקעט פֿאַר גאָט.
איך וויל אויך טאַנצן נאַקעט פֿאַר גאָט.

דער לערער דערמאָנט דעם קלאַס ניט צו פֿאַרגעסן דעם גראַם. איך מאַך דעם גראַם:

זיף זיף
ריף ריף
און פּו
קלאַ קלאַ מו.
הופּאַ הופּאַ
גלופּאַ (נאַריש).

אַמעריקע. אַ נײַ לאַנד. אַ נײַע שפּראַך.

איך וועל פּרובירן אויף אַ צײַט פֿאַרגעסן וועגן זיך. איך מוז גיך זיך עפּעס דערוויסן וועגן אַמעריקע. איך מוז זיך אויסלערנען ענגליש. איך וועל דאָ אַלץ ליב האָבן. זאָל מער ניט זײַן „דו", „איך". זאָל זײַן נאָר „מיר". אַ גרויס לאַנד פֿון „מיר אַלע". אַלע זענען גלײַך אין אַמעריקע. מאָדנע: אַמעריקע און גאָט. אַזוי ווערט געזאָגט אויפֿן דאָלער... עמעצער שמייכלט און זאָגט:

האָסטו אַ דאָלער? נו מילא — דאָס איז אַוודאי איינער פון יענע וואָס איז אַ גוטער און אויך אַ שלעכטער אַ מאָל...

איך לערן זיך ענגליש. איך שלינג אַלץ וואָס קומט מיר צום האַנט. כ׳הער מע זאָגט אַז איך האָב אַ גוטן קאָפּ. איך נעם זיך אַ ביסעלע איבער. הייב אָן גלייבן אין זיך. כ׳וועל שענער...

עדגאַר אַלען פּאָ. איך האָב זייער ליב דעם ריטעם פון זײַנע לידער. איך שפּיל אויס דעם ריטעם אין מײַן גאַנג אויף טראָ־טואַרן. איך קײַ מײַן אָנבײַסן צום ריטעם פון זײַנע לידער. ענג־ליש הייבט אָן זינגען אין מײַנע ביינער.

מײַן גוטער לערער ק. מ. צו וועמען איך קום אין אָוונט דרײַ מאָל אַ וואָך איז צופרידן פון מיר. איך זע דאָס אין זײַנע אויגן. נאָר ער שמייכלט צו מיר. ס׳געפעלן אים מײַנע קורצע פערזן וואָס איך ברענג אים. איך שרײַב זיי טאַקע נאָר פאַר אים.

איין מאָל זאָגט מיר ק.מ.: מײַן קינד, דו האָסט טאַלאַנט. דו וועסט שרײַבן. אָבער פריִער דאַרפסטו זיך באַקענען מיט אַלע פאָרמען פון ליד־שרײַבערײַ. ניט אַז דו זאָלסט אויך אַזוי שרײַבן. נאָר קענען אַלץ וועגן ליד דאַרפסטו. נאָך דעם וועסטו טאָן ווי דו וועסט וועלן.

איך האָב זייער ליב ק.מ. אַ שאָד וואָס ער איז שוין עלטער — אפשר אַלט. ער איז אַזאַ קענער! מען רופט אים „דער למדן". מע איז מיר מקנא וואָס ער גיט זיך אַזוי אָפּ מיט מיר. ער האָט פרײַען אַרײַנגאַנג צו טעאַטערס, אָפּערעס און קאָנצערטן. ער נעמט מיך מיט. קלערט מיר אויף און איך קוק אים אין די אויגן און וואַרעם זיך אין זײַן גוטסקייט.

אַ בחור האָט מיר געבראַכט אַ מתּנה „וואָלט וויטמאַן". איך לייען. אַנטדעק אַ נײַע אַמעריקע, אַ נײַ ליד. איך בין באַ־גײַסטערט. איך שוועב ערגעץ אין די הייכן. דער ריח פון פריש

צעאַקערטע ערד דעריאָגט מיך. איך אָטעם טיף און בין פאַר־
קוקט ערגעץ ווײַט פון דאַנען...

ק.מ. נעמט מיך צו אַ גרופּע דיכטער אָדער כמעט דיכטער. אַלע יונגע, פון־זיך־אַליין באַגײַסטערטע. מען לייענט לידער. איך הער זיך אײַן מיט אַלע אויערן. איך בין אַ ביסעלע שעמעוודיק נאָר איך וואַג און דערמאָן וואָלט וויטמאַן. דער אָנפירער פון דער גרופּע טוט אַ שמייכל צו מיר פון אויבן־אַראָפּיק און זאָגט: אָ, הי איז אַ נאָ־פּאָעט פּאָעט (ער איז אַ ניט־דיכטער דיכטער). איך בין שאָקירט און אַ ביסל דערשראָקן. ק. מ. באַרויִקט מיך: „נישטאָ וואָס צו הערן וואָס ער זאָגט".

איך ווײַז ק.מ. אַ ליד צו וואָלט וויטמאַן. ס'איז עפּעס וועגן נשמה וואָס איז גוף און גוף וואָס איז גײַסט און עפּעס וועגן ליבע וואָס איז גײַסט און קלעמט נשמהדיק און דער גאַנצער קערפּער טוט וויי...

דאָס איז געווען מײַן ערשט ליד אין פרײַען פערז. ק.מ. פאַר־קוקט מיר אין פּנים און פרעגט מיט ווייכקייט אין זײַן שטים: ביסט פאַרליבט, מײַן קינד?

אין יענער צײַט גייט אַרויס אין שיקאַגאָ אַ קליין זשורנאַלכל „אַלאַרם". מײַנע דרײַ קליינע זאַכעלעך ווערן דאָרט אָפּגעדרוקט. מײַנע באַקאַנטע באַגריסן מיך צו מײַן ווערן אַ שרײַבער אין ענגליש. מיר איז עפּעס גוט און עפּעס אַ ביסל אומעטיק...

עטלעכע וואָכן שפּעטער. ק.מ. נעמט מיך צו אַ קאָנצערט. נאָכן קאָנצערט אין אַ קאַפע. ער באַשטעלט קאַווע און צובײַס. איך ווײַז אים עטלעכע לידער: צוויי טריאָלעטן און דרײַ לידער אין פרײַען פערז.

ק.מ. לייגט אַרויף זײַן האַנט אויף מײַנער און זאָגט מיט באַהאַרצטקייט: אַזוי פיל דיכטער פאַראַן אין אַמעריקע! הונ־דערטער און הונדערטער שרײַבן ענגליש. אייניקע גוט און איי־ניקע ניט אַזוי גוט און אַפילו גאָר ניט גוט. זיי האָבן אַ סך. מיר

האָבן ניט קיין סך וואָס שרײַבן ייִדיש. זײַ מיט אונדז, מלכּהלע. שרײַב ייִדיש אַפילו ווען ס׳איז שווער עפּעס אָפּצודרוקן. אַפילו ווען אָריגינאַליטעט איז ניט אָנגעלייגט...

איך שרײַב לידער. איך שרײַב קורצע פּראָזע זאַכן אין ייִדיש. איך לייען אַ סך: נביאים, תּהילים, שיר־השירים, איוב, קהלת — מײַנע ליבשאַפטן. כ׳לייען שעקספּיר, געטע, בייראָן, בלייק, באָדלער, רעמבאָ און נאָך און נאָך. וויטמאַן און רעמבאָ האָבן מיך אויפגעעפנט צו זיך, צו מײַן אייגענעם איך. זיי האָבן מיר געגעבן פרײַע באַוועגונג אין ריטעם פון מײַן אָטעם.

איך בין אַ געליבטע.

איך בין אַ ווײַב.

איך בין אַ מאַמע.

איך בין אַ לערערין.

איך וויל שרײַען... איך וויל לויפן... איך וויל פליִען... איך וויל וויינען... נאָך איך טו וואָס איך דאַרף, וואָס איך מוז און אין צווישן רײַסט זיך דורך ליד.

ק. מ. איז טויט־קראַנק. ער קומט קיין לאָס אַנדזשעלעס. ער דערלעבט נאָך צו זען מײַן ערשט בוך „לידער״.

מײַנע ביכער:
1949 „לידער״
1958 „מילד מײַן ווילד״
1965 „שאָטנס פון געדענקען״
1972 „בלעטער פאַלן ניט״
1974 „אונטער דײַן צייכן״.

און ס׳איז נאָך אַלץ דאָס אָנסופיקע בלאָנדזשען אויפן וועג צו זיך כדי צו דערגרייכן דיך. איך ווייס ניט קיין אַנדער וועג צו איך־דו. און ס׳איז נאָך אַלץ די סאָווע און פוהו, דער בושל און קלאַ קלאַ און ערד און דער סאָף, סאָף פון עפל וואָס פאַלט אינעם גראָז און דער ריח פון פריש געקאָסעט היי און פון בעז און דער ציש, ציש פון ווינטל אין זאַנגען.

דורך די יאָרן און שלמה מײַן מאַן פלעגט זאָגן: דאַרפסט דאָך זײַן צופרידן, פאַר וואָס זשע ביסטו אומעטיק?

מײַן ענטפער: ווייסט ניט? ווען מיר איז פריילעכדיק בין איך אומעטיק...

אינהאַלט

הײַנט איז אײביק

* מײַן האָר 7
באַהיט 8
רוף איך יאָ, רוף איך ניט 9
די מאַסקע 10
אויסדאַכט 11
צולהכעיס 12
טאַטע זיסער 14
הײַנט איז אײביק 15
אַ נאַרישקייט 17
אויס און ווידערווערן 18
די און יענע 19
חלום 20
מיט כּבוד דערמאָנען 21
אין טיף אַראָפּ 22
אַ בריוו צום יונגן דיכטער האָוואַרד ג. 23
ייִדיש 25
געסדר און סדר 26
צום רײַזעמאַן 27
אוצר 29
פאַרגעסן 30
געטער 32
און לעסטער 33
דער אַכציקער 34
אין זיסן ווייטיק 35
לידערבלום 36
די שׂימחה 37
וואָס פאַרשרײַבן 38
ראַדיאָ־נײַס 39
כּדי דו זאָלסט קענען 40
פאַר דעם וואָס האָט מיר געשיקט אַ מתּנה אַ בוים . . 41
דער טעות 42
אַמאָל און הײַנט 43

אַרויס און אַרײַן 44
קאַנאַריקעס 45
מיט צוגעמאַכטע אויגן 46
צו מײַן פרײַנד דעם דיכטער ט. 47
צו דעם גערעכטן 50
ניט גרויס 51
בליץ־גיך 52
ברויט אויפן וואַסער 53
דער פּאַטש 55
אין אָנהייב 57
מײַן מעת־לעת 58
צו זינגען און צו זאָגן 59
צו וועמען 60
געוויסנס 61
צווײ 62
אַ דאַנק פאַר אַ בוך לידער 63
גוואַלדן 65
ווערטער 66
ווײַזערל . . . 67
צו נעכטן 68
צו רחל קאָרן 69
שפּילכלעך 71
זאָל די קלוגשאַפט שווײַגן ? 72
מײַן לידער־אָוונט 73
לאָמיר זיך איבערבעטן 76
איך שעם זיך 77
געפינען אַ פּנים 78
בענקעניש 79
צום איינעם־אַליינעם 80
געשלאָפן אין שלייער 82
איך גיי דאָך פּאַמעלעך 83
דורך טונקלענישן 84

שטילער, שטילער

צווישן מיר און דיר 87
פּולע הויפנס 88
הייליק 89
אַרויס פון די ברעגן 90
פאַרבעטונג געשיקט דורך מײַן טויב 91
טײ 92

גערענקסט ? 94
שאָטן 95
פאַרזיכערט 96
דער ווינט קומט קיין מאָל ניט אַליין 97
טעמפּ און שאַרף 99
דער מזיק 100
קלאַנג־געבאָרענע 101
מיט ליד 102
בלאָע בליקן 103
אַרויס פון דער מאָדע 104
דער שוועל 105
האָסטו פון אויג מיך פאַרלאָרן 106
וווּנדער איבער ווונדער 108
פרישטיק 109
און אַ שמייכל איז געווען 110
טוב מאוד 111
דער שליסל 112
אַ שפּאַן אין נײַעם יאָר 114
אַוודאי ווייס איך 115
שיין ווי די וועלט 116
ציטער 117
מײַנסגלײַכן 118

דאָרפיש

נאַסטורציעס 121
און דער ברונעם: פליוק, פליוק 122
איך ווייס ניט ווי מען זאָגט דאָס 124
די באָבע האָט געשאָלטן 130
דאָרשט 133
די ליפּע 134

ביאָגראַפישער בריוו 139

דערשינענע ביכער פון מלכּה חפץ טוזמאַן:

לידער

לאָס אַנדזשעלעס, 1949

מילד מײַן ווילד

לאָס אַנדזשעלעס, 1958

שאָטנס פון געדענקען

פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1965

בלעטער פאַלן ניט

פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב, 1972

אונטער דײַן צייכן

פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב, 1974

עם איַי אַלסאָ יו?

AM I ALSO YOU?

1977 (ענגליש)